חג הסוכות ||| שנת תשפ״ז לפ״ק ||| גליון ק״ע

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

באידיש

גליון מיוחד
לקראת ג הסוכות

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט״א

חג הסוכות — א
שמיני עצרת — ז
נקודה למחשבה — ח

## חג הסוכות

## ושמחתם לפני ה׳ אלקיכם;

אָנקניפּן אַ קשר מיט השי״ת דורך די שמחה פון סוכות

דרשת הכנה לסוכות בהיכל הכולל קרית יואל תשפ״ה לפ״ק

א

## ירח האיתנים; חודש תשרי בויעט מען אַ געזונטן שטאַנדהאַפטיגן קשר

### יראה און דערנאָך אהבה

דער סדר פון די הייליגע טעג גייט מיט אַ מהלך פון **יראה און דערנאָך אהבה.** צוערשט איז דאָ אַ גאַנצער סדר פון דינען דעם רבוש״ע מיט **יראה:** חודש אלול, סליחות, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יום כיפּור.

פון דאָרט שפּאַצירט מען אַריין צו די הייליגע **ימי אהבה** פון סוכות, מיט שמחת בית השואבה, מיט׳ן ׳וימינו תחבקינו׳, מיט׳ן ׳ושמחתם לפני ה׳ אלקיכם׳, וואו דער איד געפינט זיך צוזאַמען מיט׳ן רבוש״ע. דער שפּיץ איז אינעם הייליגן טאָג פון שמיני עצרת און שמחת תורה, וואָס ס׳שטייט גאָר הויכע זאַכן אין די ספרים הק׳ וועגן דעם גאָר נאָענטן **קשר של אהבה** וואָס אַ איד האָט דעמאָלט מיט׳ן רבוש״ע.

פון אויבנאויף קוקט עס אויס אַז די ביידע זאַכן זענען אַביסל סותר איינס דעם אַנדערן. עס זענען צוויי פאַרקערטע געפילן. **יראה ערוועקט ביים מענטש אַ געוויסע ריחוק,** ער האָט מורא, ער וויל נישט זיין צו נאָנט. און אהבה איז פאַרקערט. **אהבה איז טייטש אַז ער איז גאָר נאָנט,** נאָך נענטער ווי געוועגליך.

### יראה מיט אהבה גייען נישט צוזאַמען

ווען איינער קומט אָן צו אַ שמחה, טרעפט ער דאָרט אַלערליי מענטשן. ס׳איז דאָ אַזעלכע וואָס ער האָט מיט זיי **אַ פּאַרווע שייכות,** זיי האָבן געלערנט צוזאַמען אין דער זעלבער ישיבה. ער גריסט יענעם: ״אָה, אַ גוט יאָר, וואָס מאַכט איר.״ און ער ווארט ניטאַמאָל אויף קיין תשובה... ער האָט מיט יענעם אַזאַ סאָרט קשר וואָס איז ערגעץ אינמיטן, נישט קיין יראה און נישט קיין אהבה.

דאַן איז דאָ איינער וואָס ווען ער באַמערקט אים, פּרובירט ער צו גיין אויף דער אַנדערער זייט, כדי אים אויסצומיידן. יענער איז געווען זיין משגיח אין ישיבה קטנה, ס׳איז בעסער נישט צו מרחיב זיין... אָדער איז יענער זיין געוועזענער שכן מיט וועמען ער האָט זיך נישט צו גוט פאַרשטאַנען. **דאָס איז אַ יראה׳דיגער סאָרט קשר.**

נאָכדעם איז דאָ ווען ער טרעפט זיין נאָנטן חבר: ״אָה, שלום עליכם! וואָס מאַכסטו?״ - זיי כאַפּן אַ ווינקל און זעצן זיך אַוועק פאַרברענגען אַביסל: ״וואָס טוט זיך? וויאַזוי גייט עס מיט די משפּחה?״ ער האָט אַ טיפע שייכות מיט יענעם. **ס׳איז דאָ צווישן זיי אַן אהבה.**

אַזוי אַרבעט עס בדרך כלל. עס זענען דאָ מענטשן מיט וועמען מ׳האָט כמעט נישט קיין קשר; עס זענען דאָ אַזעלכע מיט וועמען מ׳האָט **אַן אומבאַ׳טעמ׳טן קשר פון יראה,** און ס׳איז דאָ מיט וועמען מ׳האָט גאָר **אַ נאָנטן אהבה׳דיגן קשר.**

### דער קשר מיט השי״ת הייבט זיך אָן מיט יראה

אָבער ביים רבוש״ע גייט עס מיט אַ סדר, אַז **די יראה בויעט די אהבה.** דער וועג וויאַזוי אַ איד באַקומט אַ קשר מיט׳ן רבוש״ע איז צוערשט **דורך אמת׳ע יראה.** - יראה איז דער אָנהויב פונעם קשר, און אהבה איז דער המשך דערפון.

אַזוי זעט מען אויך אין דעם הייליגן זמר פון ׳קה אכסוף׳, ווי מ׳בעט פונעם אויבערשטן: **׳משוך נועם יראתך׳.** מ׳איז מתפּלל צו שפּירן די באַ׳טעמ׳טע זיסקייט פון יראה. **דאָס זינגט מען דוקא אין אַ צייט ווען דער איד האָט כיסופים צום רבוש״ע.** מ׳רעדט דאָך נישט יעצט וועגן ׳דינים׳ און וועגן ׳יראה׳, מ׳רעדט וועגן **׳כאיל תערוג על אפיקי מים - שבת קודש נפשי חולת אהבתך׳,** ווי קומט דאָ אַריין ׳משוך נועם יראתך׳?!

נאר דאָס גייט מיט׳ן זעלבן מהלך: **מען הייבט אָן מיט יראה, און אַזוי בויעט מען דעם קשר צוביסלעך.** נאָכדעם וואָס מ׳ברענגט אַרויס די הרגשים פון יראה, קומען אַרויס נאָך טיפערע געפילן, ביז מ׳קומט אָן צום לעצטן שטיקל פון ׳השבת נועם הנשמות׳, וואו מ׳רעדט שוין אָפּן פון אַ געוואַלדיגע אהבה. ווייל יראה איז אַ געוויסע קשר וואָס ברענגט נאָכדעם צו אהבה.

### וויאַזוי קען יראה מיט אהבה יאָ גיין צוזאַמען?

ס׳בלייבט נאר איבער צו פאַרשטיין: וויאַזוי אַרבעט דאָס? **וואָס איז פּשט פון אַזאַ סאָרט קשר?** וויאַזוי קען מען דאָס מסביר זיין?

מ׳דאַרף דאָס גוט דערהערן, ווייל **דאָס זענען טיפע, אינערליכע געפילן וואָס אַ איד מוז אויסאַרבעטן.** מ׳זאָגט דאָך יעדן טאָג ׳אהבה רבה׳ פאר קריאת שמע, און מען בעט דעם רבוש״ע ׳ליראה ולאהבה את שמך׳, מיר מוזן האָבן די ביידע זאַכן. **איבערהויפּט איז דאָס די עבודה אין די יעצטיגע הייליגע טעג פון חודש תשרי.** מ׳דאַרף זיך מתבונן זיין צו קענען אַרויסברענגען די הייליגע

הרגשים, וואָס דורך די געפילן ווערט מען דבוק צום אויבערשטן.

## פאַרוואָס פעלט זיך אויס יראה?

איינס פון די מהלכים וויאַזוי מיר קענען דאָס פאַרשטיין אויף אונזער מדריגה, איז דורך באַטראַכטן די הלכות וויאַזוי אַ איד דאַרף זיך אויפפירן **כלפי זיינע עלטערן** אָדער **כלפי זיין רבי**.

חז"ל לערנען אונז פון די פסוקים, אַז ווען ס'קומט צו עלטערן איז דאָ אַ מצוה פון '**כבד את אביך ואת אמך**', אָבער ס'איז אויך דאָ אַ מצוה פון '**איש אמו ואביו תיראו**'. דאָס מיינט אַז ס'איז דאָ איין חלק פון 'כיבוד', אַז דאָס קינד זאל ליב האָבן דעם טאַטן און ס'זאָל זיין אַ געזונטע שייכות צווישן זיי. דאָס איז אָבער נישט גענוג, חז"ל זענען אונז מסביר די דינים און גדרים **וויאַזוי צו מקיים זיין די באַזונדערע מצוות עשה פון 'מורא'**. דאָס זעלבע איז ביי אַ תלמיד כלפי זיין רב, מורא רבך כמורא שמים. אין מסכת קידושין שטייען די הלכות וויאַזוי מ'איז מקיים די מצוה פון יראה.

דאָס איז זיכער אַז די שייכות צווישן אַ קינד מיט זיין טאַטן אָדער די שייכות צווישן אַ תלמיד מיט זיין רב, **איז אַ שייכות פון נאָנטקייט**. דאָס איז נישט קיין ריחוק, נאר **ס'איז פון די נאָנטסטע זאַכן וואָס ס'זענען פאַראַן**. אויב אַזוי, וואָס איז דער פשט דערפון? פאַרוואָס זאָגט מען פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל האַלטן אַ מרחק און נישט זיין אַזוי נאָנט מיט זיין טאַטן? זיין טאַטע איז דאָך אַ ירא שמים, מיט אַזאַ קאָך פאַר'ן אויבערשטן, **פאַרוואָס ביזטו מרחק דעם קינד פון זיין טאַטן?** זאָג פאַר'ן קינד אַז ער זאָל מכבד זיין און באַדינען זיין פאָטער, ער זאָל זיכער מאַכן צו הערן יעדן שיחת חולין פון זיין טאַטע, כדי אַז ער זאָל קענען יונק זיין פון דעם יראת שמים פונעם פריערדיגן דור. פאַרוואָס זאָגסטו אים אַז ער זאָל מורא האָבן?

## יראה ברענגט נענטער

די תשובה איז זייער פשוט: די יראה וואָס דער אויבערשטער האָט דיר מחייב געווען צו האָבן, **גייט דיך ברענגען נאָנטער צו דיינע עלטערן**. דאָס גייט דיך נישט מרחק זיין! **ווייל אויב דער מענטש איז צו נאָנט, קען ער נישט מקבל זיין**. מ'דאַרף זיין אין אַ באַלאַנסירטן מרחק, מ'דאַרף שטיין פונקט אין דעם גוטן פלאַץ, כדי צו קענען דאָס מערסטע מקבל זיין.

פונקט ווי די זון גיבט פאר דער בריאה דריי זאַכן: ליכטיגקייט, וואַרעמקייט און כח פון וואַקסן, אָבער אויב די זון וואָלט געווען אַביסל ווייטער פון דער וועלט וואָלט אַלעס פאַרפרוירן געוואָרן, אויב ס'וואָלט געווען צו נאָנט, וואָלט אַלעס פאַרברענט געוואָרן. דער רבוש"ע האָט עס דעריבער געשטעלט אויף'ן פונקטליכן פלאַץ **אַז ס'זאָל נישט זיין צו ווייט און אויך נישט צו נאָנט**.

אַזוי אויך דאַרף אַ מענטש פאַרשטיין: ווען דו ביזט צו נאָנט צו דיינע עלטערן, ווערסטו מיטהאַלטן זאַכן וואָס זענען צומאָל אומבאַקוועם. דו דאַרפסט האָבן אַן 'איש אמו ואביו תיראו'. **טאָמער דו ווערסט זיין צו נאָנט, ווערסטו נישט קענען ריכטיג מקבל זיין**, ווייל דו ווערסט האָבן אַ קלות ראש. עס דאַרף בלייבן אַ געוויסער מרחק אַז דו זאָלסט יאָ קענען מקבל זיין.

## אַ ריכטיגער מקבל נאר דורך יראה

דער זעלבער יסוד שטייט אין פרקי אבות לגבי **אַ תלמיד צו זיין רב**. מ'דאַרף זיך מתאבק זיין בעפר רגליהם און זיך מתחמם זיין לאורם פון תלמידי חכמים, אָבער גלייכצייטיג זאָל מען אַכטונג געבן נישט צו ווערן געשעדיגט: **הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, שעקיצתן עקיצת עקרב וכו'**. אויב דו גייסט צו נאָנט, קענסטו זיך פאַרברענען.

דער **רמב"ם** אין פירוש המשניות פרעגט שוין, וויפיל איז דער שיעור? וויאַזוי קען מען מעסטן וואָס הייסט נאָנט און וואָס הייסט ווייט? זאָגט דער רמב"ם אַז **דו זאָלסט זיך נישט דערנענטערן מער ווי דער רבי איז דיר מקרב**. ווילאַנג ער איז דיר מקרב און ער לערנט מיט דיר, איז זייער גוט. אָבער אויב דו שטופסט זיך אַריין און דו ווילסט מער דערפון, קען מען ווערן אָפּגעברענט. אַ תלמיד חכם איז אַ פייער! ס'איז נישט פשוט.

דער באַדייט דערפון איז: **יראה שטעלט אַהער דעם ריכטיגן באַלאַנס כדי מ'זאָל קענען זיין אַ מקבל.** אין הלכות דעות ברענגט דער רמב"ם אַז ס'איז דאָ געוויסע זאַכן, ווי עסן וכדומה, וואָס אַ תלמיד חכם טאָר נישט טון פאָרנט פון זיינע תלמידים. וואָס איז דער פּראָבלעם? ווייל **צופיל אָפנקייט קען שטערן דעם קשר**. מ'זעט עס אפילו אין דער פּראַקטישער וועלט, אַז מענטשן וואָס האָבן אַ געזונטע שייכות איינער מיט'ן אַנדערן, האָבן גרעניצן (boundaries). ס'איז דאָ גבולות, **מ'קריכט נישט צופיל אַריין אין יענעמס קישקעס**. ווען יראה ווערט געטון אויף'ן ריכטיגן אופן, **מאַכט עס דעם קשר נאָך בעסער**. עס ברענגט די ריכטיגע נאָנטקייט!

## בוי אויף אַ געזונטן קשר

דאָס זעלבע איז ביי עבודת ה', ווען אַ מענטשעלע וויל האָבן אַ שייכות מיט'ן רבוש"ע כביכול, **דאַרף מען בויען דעם קשר - טיף, געזונט און יסודות'דיג**, כדי ס'זאָל אונז באַגלייטן אין אַלע סאָרט אומשטענדן.

דער מענטש האָט דאָך מצבים פון אור, און מצבים פון חושך. ס'זענען דאָ טעג ווען ער דאַרף האָבן מער חיזוק, און ס'זענען דאָ צייטן ווען מ'דאַרף אַסאַך יראת שמים צו קענען זיך האַלטן מיט גדרים וסייגים. דעריבער האָט דער רבוש"ע געזאָגט פאַר'ן איד: **ווען ס'קומט אָנהויב יאָר, בוי אויף אַ געזונטן קשר**. דער וועג וויאַזוי מ'בויעט אַ ריכטיגן קשר איז: **צוערשט שטעלט מען אַראָפּ אַ פעסטע יראה ווי ס'דאַרף צו זיין, און נאָכדעם בויעט מען דערויף נאָך אַ שטאָק פון אהבה.** אַזוי בויעט זיך אַ ריכטיגער קשר וואָס וועט דיר באַגלייטן צו זיין אַ געזונטער, וואַרעמער איד וואָס האָט מורא פון אַ נדנוד חטא; אַ איד וואָס האָט אַ טיפן געפיל פון קרבת אלקים. **דו קענסט דאָס צוביסלעך אויפבויען דורכאויס אלול און תשרי!**

ב

# שמאלו תחת לראשו וימינו תחבקינו; די שמחה פון סוכות איז געבויעט אויף די ימים נוראים

## אהבה - נאָכ'ן זיך באַקענען נענטער

דוגמא לדבר: אַ מענטש הערט אויף אַ צווייטן איד, אַז יענער איז אַ גרויסער תלמיד חכם, ער קען אים אָבער נישט אויף אַ פּערזענליכן שטאַפּל. **האָט ער אַ געוויסע יראת הכבוד כלפי יענעם:** "פשש... דער איד איז דורכגעווייקט מיט תורה". שפּעטער באַקענט ער זיך מיט דעם ת"ח, און **ער הייבט אָן צו באַקומען אַן אהבה צו אים.** וויפיל מ'קען אַ מענטש טיפער און נאָנטער, ווערט שטאַרקער די אהבה.

יעדע געזונטער קשר הייבט זיך אַזוי, אַן אַז אין אָנהויב קען מען זיך נאָכנישט אַזוי גוט, **דעמאָלט איז דאָ נאָר 'יראה'**. שפּעטער ווען מ'הייבט אָן קענען דעם מענטש, **אַנטוויקלט זיך אַ שטאַרקע אהבה**. ווי **רש"י** זאָגט אויף'ן פסוק (בראשית יח, יט): 'כי ידעתיו למען אשר יצוה', אַז אויב דו האסט ליב אַ מענטש, קענסטו אים. דאָס גייט אויף ביידע וועגן. **ווען מ'באַקענט זיך מיט איינעם, עפנט זיך אַ פנימיות'דיגער קשר**. מ'קען אים נישט נאר מצד זיין שטעלע, נאר מ'באַקומט אַן אינערליכע שייכות מיט יענעם.

## קודם אַנערקען דיין פלאַץ

דאָס זעלבע איז כלפי דעם רבוש"ע. ווען דער נברא קומט אָן צו די ימים נוראים, **דאַרף ער צוערשט פאַרשטיין זיין פלאַץ**. ער ווייסט אַז ער נויטיגט זיך אין רחמי שמים, ער האָט ליידער געזינדיגט, ער האָט גורם געווען צער פאר דער שכינה הק', ער בעט איבער דעם אויבערשטן. **וויאַזוי קען ער שוין טאַנצן מיט'ן רבוש"ע סוכות, אויב ער האָט זיך נישט קודם אויסגערעדט דאָס האַרץ:** "איך שעם זיך פון מיינע עבירות, איך בעט זיך, ראַטעווע מיר! גיב מיר לעבן, כ'האָב נישט קיין לעבן אָן דיר".

אין דער מינוט וואָס אַ מענטש ווייסט זיין פלאַץ, און ער כאַפּט אַביסל ווי ווייט ער איז, ווי קליין ער איז, און וויפיל ער איז אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע, **דעמאָלט קען ער נאָכדעם אָנקומען**

**צו אַ מורא'דיגע אהבה**, ווייל ס'איז געזונט געבויט. אָבער אויב דער מענטש טאַנצט גלייך אַריין צו דער אהבה, איז עס נישט געזונט און ס'איז נישט קיין נאָרמאַלער קשר.

## אַ נאָרמאַלע וועג פון איבערבעטן

מ'קען דאָס פאַרשטיין פּראַקטיש מיט אַ משל: איינער האָט שטאַרק באַ'עוולה'ט אַ צווייטן איד אין בית המדרש. ער האָט אפשר נישט געוואָלט, ס'איז געווען בשוגג אָדער באונס, אָבער **למעשה האָט ער אים שאָדן געמאַכט** גאָר אַסאַך געלט און אים גורם געווען אַ געוואַלדיגן עגמת נפש. אָבער דער איד וואָס איז געוואָרן באַ'עוולה'ט האָט אַסאַך אמונה ובטחון, ער אַרבעט אויף זיך, און ער איז מסכים צו מוחל זיין.

לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַ סיטואַציע אַז דער מזיק קומט צו דעם איד וואָס איז געשעדיגט געוואָרן, און ער זאָגט: "איך שעם זיך אַזוי שטאַרק. **איך זאָג דיר דעם אמת, איך בין ממש אויסער זיך.** אַזוי אָפּצוטון אַ איד? איך האָב נישט געמיינט און כ'האָב נישט געוואָלט, אָבער למעשה 'מגלגלין חובה על ידי חייב'. ווען כ'וואָלט געווען אַביסל מער פאַרזיכטיג וואָלט עס נישט געשען. איך קען זיך נישט באַרואיגן. איך קום צו דיר אין שטוב און כ'בעט דיר, וואָס קען איך טון דיר צו מפייס זיין?!".

זאָגט אים יענער: "וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? חס ושלום! ס'איז געווען באַשערט די גאַנצע מעשה. לאָמיר אַלעס אויסמעקן, לאָמיר טרינקן אַ לחיים. דער רבוש"ע ווייסט אַז איך האָב דיר ליב אהבת נפש".

דער ערשטער קומט דערנאָך אַהיים און ער זאָגט מיט התפעלות: "**ס'איז דאָ אידן אויף דער וועלט!** דער מענטש האָט מיר אַרויסגענומען פון די כלים, **אַ איד זאָל קענען האָבן אַזאַ אמונה, אַזוי מוותר צו זיין!** איך ווייס דאָך דעם אמת, אַז איך האָב אים מזיק געווען. ס'איז נאָך דאָ אויסגעאַרבעטע גוטע אידן!".

## אַן אומגעזונטע מהלך פון איבערבעטן

וויאַזוי קוקט עס אָבער אויס ווען די מעשה איז אַביסל אַנדערש. דער וואָס האָט געשעדיגט דעם צווייטן, טראַכט צו זיך: "סוף כל סוף איז פאַר יענעם געווען באַשערט די עגמת נפש. לאָמיר זיך נישט נאַרן, איך לערן חובת הלבבות, ווען ס'וואָלט נישט געווען באַשערט פאַר יענעם, וואָלט גאָרנישט געשען". שפּעטער טרעפט ער יענעם אין בית המדרש און זאָגט: "וואָס הערט זיך? וואָס טוט זיך? אפשר מאַכן מיר אַ שמחת בית השואבה, צוזאַמען אַביסל טאַנצן? מאַך זיך נאַריש, ס'איז דאָך סתם שטותים. געלט איז גאָרנישט, מ'נעמט נישט מיט די אַלע זאַכן אויף יענער וועלט"...

מ'דאַרף זיין גאָר שטאַרק אויסגעאַרבעט צו קענען סובל זיין אַזאַ מענטש... אפשר זענען דאָ אידן וואָס זענען אויף דער מדריגה, אָבער **ס'איז זיכער נישט קיין געזונטער נאָרמאַלער קשר!**

## מען פריידט זיך מיט'ן ראש השנה און יו"כ

ווען אַ מענטש האָט אַ ריכטיגן קשר מיט'ן רבוש"ע, דאַרף ער קודם וויסן זיין פּלאַץ. מ'גייט בויען צוביסלעך אַ קשר מיט יראה און אהבה. יראה איז אמת, און אהבה איז אמת, אָבער **צוערשט דאַרפסטו פאַרשטיין וואו דו ביזט אינעם בילד.** אַ גרויסער חלק פון דער שמחה וואָס מ'פריידט זיך ביי שמחת בית השואבה איז די שמחה פון 'מחילת עוונות'. דאָס מיינט אַז **דער מענטש האָט בכלל נישט פאַרגעסן!** ער געדענקט אַז ער איז שולדיג פאַר'ן רבוש"ע.

צומאָל זענען דאָ אַזעלכע וואָס קוקן עס אָן כאילו ס'איז געווען ראש השנה מיט יום כיפור, אָבער דער אויבערשטער איז דאָך אַ גוטער, האָט ער אַוועקגעפּאַקט די ימים נוראים מיט צוויי שלעסער, און אַצינד זאָגט דער רבוש"ע: "אָקעי, **יעצט מעג מען טאַנצן...** איך זאָג דיר קלאָר, יאָ, מען מעג, ס'איז אפילו אַ מצוה"...

אַזאַ מענטש כאַפּט בכלל נישט אַז דער ערליכער איד **פריידט זיך מיט'ן ראש השנה און דעם יום כיפור!** די גאַנצע זאַך ליגט אים יעצט אויפ'ן מח. ער האָט גאָרנישט פאַרגעסן. אדרבה, **ער פריידט זיך אַז דער רבוש"ע נעמט אים אָן!** ער פריידט זיך אַז דער רבוש"ע האָט אמונה אין אונז, רבה אמונתך, ער גלייבט אַז מיר וועלן זיך מקשר זיין צו אים. אין דעם יום טוב סוכות טאַנצט די פּנימיות פון אַ איד: "רבוש"ע, **איך פריי זיך אַזוי שטאַרק אַז דו האסט מיר נישט אַוועקגעוואָרפן.** פאַרלאָז מיר נישט, איך וויל בלייבן הייליג".

## האַלטן דעם מחזור אָפן בשעת'ן טאַנצן...

די שמחה פון סוכות איז אַלזאָ דער קומענדיגער שטאַפּל. נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט ריכטיג אַריינגענומען אין זיך דעם ראש השנה און יום כיפור, **טאַנצט ער יעצט מיט דער הבנה וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין אים.** ער וויל בלייבן דערמיט. **ער קען ווייטער האַלטן דעם מחזור אָפן בשעת ער טאַנצט שמחת בית השואבה.** ער זינגט 'דרכך אלקינו להאריך אפך', און יעדעס וואָרט פון די סליחות שטימט זייער שטאַרק מיט'ן מצב וואָס ער איז יעצט ביי שמחת בית השואבה, מיט מוזיק, צוזאַמען מיט אידן.

דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן, אַמאָל קומט אַ מענטש פון אַ טרויעריגע ניחום אבלים, און גלייך נאָכדעם דאַרף ער גיין צו אַ חתונה פון אַ נאָנטן שוואָגער. ער שפּירט אַז ס'איז אַ סתירה. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין מאַשין. **דאָ וויינט ער, דאָ טאַנצט ער, און דער נפש איז נישט רואיג,** ווייל ער טראַכט צו זיך אַליין: "ווען בין איך געווען אמת'דיג? ווען איך האָב מיטגעוויינט אָדער ווען איך טאַנץ?"...

> **רבוש"ע, איך פריי זיך אַזוי שטאַרק אַז דו האסט מיר נישט אַוועקגעוואָרפן**

אויב אַ מענטש לעבט חיצוניות'דיג און ער פאַרשטייט נישט וואָס ער טוט. שפּירט ער אַן ענליכן געפיל ווען ס'קומט חודש תשרי. ס'איז אים אומבאַקוועם, ווייל ער טראַכט: "דאָ בין איך אַ גלח, דאָ בין איך אַ מלאך... פריער בין איך געווען ביי אַ שמחת בית השואבה אַגאַנצע נאַכט. איך האָב זיך מתיר געווען אַביסל, ס'איז טאַקע נישט געווען ממש הוללות, ס'איז אַלעס אַ מצוה, אָבער איך ווייס גוט ווי מיין נפש איז געווען בשעת כ'האָב זיך אַביסל געלאָזט וואוילגיין, און דאָ וויין איך הושענא רבא... **ס'איז דער זעלבער יום טוב**, וויפיל שעה איז אַריבערגעגאַנגען?".

אַנדערע מענטשן זאָגן: "ווייסטו וואָס? אויב אַזוי וויין איך נישט הושענא רבא"... ניין, ניין. **ביידע חלקים שטימען! דיין פּראָבלעם איז בלויז אַז דו האסט נישט געכאַפּט וואָס דאָ גייט פאָר.** ס'איז דאָ אַזעלכע סאָרט ניגונים וואָס מ'קען זינגען שנעל און מ'קען עס אויך זינגען וואַרעם. דאָס זעלבע איז אין די הייליגע טעג: **מיט יעדן וואָרט פונעם מחזור קען מען טאַנצן ביי שמחת בית השואבה, און מיט יעדן ניגון וואָס מ'טאַנצט קען מען אויך פאַראווען יום כיפור!** - דאָס איז דער וועג און אַזוי ווערט געבויעט דער קשר פון אַ איד מיט'ן רבוש"ע.

## אהבה אָן קיין יראה איז גאָרנישט

דער הייליגער **בית אהרן** האָט געזאָגט: "**יראה אָן אהבה איז ניט קיין שלימות. אהבה אָן יראה איז גאָרנישט.**" דאָס הייסט אַז ווען אַ איד האָט יראת שמים און ער האָט נאָכנישט קיין אהבת ה', פעלט אים פון זיין עבודת ה', אָבער ווען מ'האָט אהבה אָן קיין יראה - איז דאָס גאָרנישט. **ס'איז ניטאָמאָל אַן אהבה**, ס'איז בכלל נישט קיין קשר, ווי מ'האָט דערמאַנט, אַז **יעדע סאָרט קשר בויעט זיך צוביסלעך**, צוערשט דאַרף זיין אַ געפיל פון יראה, און נאָכדעם קען מען אָנקומען צו אהבה.

לאָמיר עס אַרויסברענגען מיט נאָך אַ משל: די משנה זאָגט אין פּרקי אבות: **איזהו מכובד המכבד את הבריות.** דאָס מיינט אַז ווען דו קומסט אַריין אין אַ גראָסערי, ביזטו זיך מתייחס צו אַלע אַרומיגע מיט רעספּעקט. דו קענסט נישט יעדן פּערזענליך, אָבער דו ביזט נישט מזלזל אין קיין שום מענטש. פאַרוואָס? ווייל דער אויבערשטער האָט אים באַשאַפן. ער איז אַ נברא פון השי"ת. דאָס אַליין איז גענוג אַ סיבה אַז כ'זאָל זיך מתייחס זיין צו אים בדרך כבוד אַלס אַ מענטש.

אויב הערסט שפּעטער אַז אַ געוויסער איד אין גראָסערי' איז אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים, **בויעט זיך אַ שטיקל געפיל פון נאָנטקייט.** דו זאָגסט פאַר יענעם אַז ער זאָל גיין פריער אין דער ליניע. דו גיבסט אים אַביסל מער כבוד, דו פּרובירסט אים צוהעלפן: "איר זוכט אפשר עפּעס?". דו פּרובירסט

אָנצוקניפּן אַ שטיקל שייכות מיט דעם איד- דאָס איז אַ קשר וואָס בויעט זיך געזונט.

### די נאָנטקייט מוז קומען מיט אַ נאָרמאַלן מהלך

וויאַזוי איז אָבער ווען איינער ווייסט נישט וואָס מיינט צו מכבד זיין אַ צווייטן. ער שרייט און קריגט זיך: "איך בין דאָ געווען ערשט"... ווען ער הערט נאָכדעם אַז יענער איז אַ תלמיד חכם, איז עס מורא'דיג אומבאַ'טעמ'ט... **ס'איז זייער שווער יעצט צו בויען אַ געהעריגן קשר**, ווייל עס פעלט דער ערשטער חלק פונעם בנין. דאָס זעלבע איז פאַרקערט, אויב איינער האָט גלייך ליב אַ צווייטן נאָך איידער זיי האָבן זיך באַקענט, איז דאָ עפּעס מאָדנע... ס'איז נישט קיין קשר וואָס איז נאָרמאַל געבויעט.

ווען אַ מענטש וויל האָבן אַ קשר מיט'ן רבוש"ע כביכול, **בויעט זיך דער קשר מיט אַ מהלך.** צוערשט דאַרף זיין יראה, און די יראה פאַרבלייבט דאָרט אַלעמאָל, אויך שפּעטער ווען ער גייט שפּירן אהבה מיט שמחה. אַזוי בלייבט דער קשר אויפ'ן בעסטן אופן.

אָבער אויב דער מענטש איז נישט דאָ געווען פון אלול ביז נאָך יום כיפור, ער איז געווען אַביסל פאַרנומען, ער האָט נישט אַזוי מיטגעהאַלטן דעם חלק... הערשט סוכות, ביי שמחת בית השואבה, קומט ער אָן מיט אַ פעסטקייט; ער טאַנצט אַריין, ער מאַכט זיכער אַז די ספּיקערס אַרבעטן. **דעמאָלט פעלט אים די גאַנצע זאַך**, ווייל ס'איז נישט קיין געבויעטער קשר.

ג

# שמחתי מתוך יראתי; די אהבה פון סוכות איז דורכגעווייקט מיט יראה

### מעג מען אַריינפאַלן אין אַ סוכות?

אַצינד פרעגט זיך אַ שאלה: אויב אהבה איז אַ העכערע שטאַפּל וואָס קומט בלויז נאָך יראה, **וויאַזוי קען אַ מענטש פּראַווען אהבה אויב ער איז נאָכנישט אָנגעקומען צו קיין שלימות'דיגע יראה?**

געווענליך זאָגט מען פאַר'ן מענטש: "דו האסט נישט געלערנט היינט? **ליין כאָטש קריאת שמע!** האסט נישט געדאַוונט שחרית? **דאַוון כאָטש מנחה.** 'מי שאכל שום יחזור ויאכל שום' - **טו יעצט וואָס דו קענסט יאָ**". לכאורה וואָלט מען געדאַרפט אויך זאָגן: "אויב דו ביזט נישט געהעריג דאָ געווען ראש השנה און יום כיפור, דו ביזט געווען אין אַ היסח הדעת, **קום כאָטש אַריין יעצט.** יעצט איז סוכות, טאַנץ און פריי זיך."

אָבער אויב מ'זאָגט אַז ביי אהבה גייט עס נישט אַזוי, און ס'איז גאָרנישט ווערד אויב מ'הייבט אָן בלויז פון אהבה, ווייל אהבה איז אַ העכערע דרגה, ס'איז אַ טיפער אינערליכער קשר וואָס קומט נאר נאָכ'ן ערשטן שטאַפּל פון יראה. **אויב אַזוי, וואָס דאַרף אַ מענטש טון?!** ער קען אויפהענגען אַ גרויסן צעטל אינדערהיים: "דאָס יאָר גייט נישט געפּראַוועט ווערן דער יום טוב סוכות, פאַר מער אינפאָרמאַציע רופט..." - וואָס איז געשען? - "אָה, כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, ס'איז אַ גאַנצע מעשה, **איך האָב נישט געהאַט קיין געהעריגן ראש השנה און יום כיפור.** איך קען נישט יעצט אָנהייבן סוכות מיט אהבה"...

### מעג מען זינגען 'קה אכסוף' אָן קיין הכנה?

באמת איז די שאלה נישט נאר אַקטועל לגבי סוכות, דאָס איז פּונקט אַזוי נוגע **יעדעס מאָל ווען אַ מענטש קומט אָן אינמיטן אַ געהויבענעם זמן פון אהבה.** ער ווייסט דאך דעם אמת, לב יודע מרת נפשו, וויפיל סייעתא דשמיא ער דאַרף כדי צו האָבן יראת שמים, ער ווייסט אַז אין אַזויפיל ענינים פון עבודת ה' איז ער בכלל נישט מושלם.

דער מענטש פרעגט אַלזאָ אַ שאלה: ס'קומט אַ שבת, און ס'איז דאָ אַ באָטע פרייטאָג צונאַכטס, מ'גייט זינגען 'קה ריבון', מ'גייט זינגען 'קה אכסוף נועם שבת'. איך וויל פרעגן אַ שאלה: **איך מעג אַריינקומען ביים חלק פונעם ניגון ווען מ'זינגט השבת נועם הנשמות?**

לעצטנס זינגט מען אַ וואַרימער ניגון אויפ'ן לעצטן שטיקל 'השבת נועם הנשמות', אפשר דאַרף מען מודיע זיין אַז מ'טאָר דאָס נישט זינגען ווייל מ'דאַרף אָנהויבן פון אָנהויב 'קה אכסוף', וואו מ'רעדט אויך פון 'משוך נועם יראתך'... **ס'דאַרף דאך קודם זיין יראה און נאָכדעם אהבה.** וויאַזוי מעג מען אַריינשפּאַצירן בלויז ביים שטיקל פון אהבה?

### נאָך אַ שוואַכע וואך, וויאַזוי פאַלט מען אַריין אין שבת?

דאָס איז אַן אמת'ע שאלה, ס'איז בכלל נישט קיין ווערטל. אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען די וואָכנטעג נישט אויפ'ן בעסטן אופן, **וויאַזוי אַרבעט עס, אַז שבת איז געאייגנט פאר יעדן איד?!** דער רבי ר' **בונם מפּרשיסחא** זי"ע האָט דאָך געזאָגט אַז ווער ס'איז נכלל אין 'מחלליה מות יומת' איז אויך נכלל אין 'ישמחו במלכותך'. אויב דו הייסט אַ איד צו באַקומען אַן עונש אויף חילול שבת, דעמאָלט באלאנגסטו אויך צו דעם לעכטיגקייט פון שבת. אָבער **אויב אהבה בויעט זיך בלויז נאָך יראה, ווייל אהבה איז אַ טיפערע קשר און אַ העכערע שטאַפּל, קען מען דעמאָלט אַריינשפּאַצירן?** יאָ צו ניין?

ס'איז אַזוי וויכטיג צו אַדרעסירן די שאלה אין אַזעלכע הייליגע טעג פון סוכות. ווייל אַ מענטש איז דאך נאר אַ מענטש; דאָ איז ער געוואָרן בכעס, דאָ האָט ער זיך פאַרגעסן, דאָ איז ער געווען פאַרשלאָפן. און שפּעטער פרעגט ער: "אויב אַזוי, ווען איך טאַנץ פאַר'ן אויבערשטן, נאַר איך זיך אָפּ?".

### נישטאָ קיין ספק אַז מ'קען תשובה טון...

אויף אָט די שאלה איז דאָ אַ קלאָרע תשובה, וואָס איז באַזירט אויף אַ יסוד וואָס דער פריערדיגער **טאָלנער רבי** זצ"ל האָט געזאָגט לגבי די סוגיא פון 'אחטא ואשוב'.

ס'איז ידוע וואָס עס שטייט פון **צדיקים, תלמידי המגיד זי"ע**, אויף דער משנה אין מסכת יומא (פ"ח, ט): **האומר אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה.** דער פּשוט'ער פּשט איז, אַז ווען איינער זאָגט אַז ער וועט זינדיגן ווייל ער קען נאָכדעם תשובה טון, וועט מען אים נישט געבן די סייעתא דשמיא צו קענען תשובה טון.

אָבער צדיקים בעלי רוח הקודש האָבן געטייטשט אַז 'מספיקין' איז אַ לשון פון 'ספק'. אפילו אויב אַ מענטש איז ליידער געווען 'אחטא ואשוב', איז עס נישט קיין שום ספק אַז ער קען אַלעמאָל תשובה טון. **'אין מספיקין'** - ס'איז נישטאָ דאָ קיין ספק, אַז וואָס? אַז **'בידו לעשות תשובה'!**

ווען אַ מתחיל הערט אַזעלכע חסידי'שע ווערטער, ווערט מען נתלהב: "יעדער איד קען תשובה טון, אין לך דבר העומד בפני התשובה", אָבער **באמת דאַרף מען דאָס בעסער פאַרשטיין.** ס'איז דאך אַ קלאָרע משנה אַז 'אין מספיקין בידו לעשות תשובה'. מ'קען זיך דען אַזוי ווערטלען?

### צוויי סאָרטן פון 'אחטא ואשוב'

האָט דער טאָלנער רבי געזאָגט אַ יסוד - וואָס דער יסוד שטייט בעצם אין אַלע חסידי'שע ספרים - אַז **ביידע פּשטים זענען אודאי אמת**, נאר ס'איז פאַרהאַן צוויי סאָרטן פון 'אחטא ואשוב' וואָס **איינער איז פּונקט פאַרקערט פונעם אַנדערן.** אַזויווי ס'איז דאָ צוויי באַגריפן פון 'ליצנות' און 'שמחה' וואָס זענען זייער ענליך, אָבער ס'איז ממש דאָס פאַרקערטע. דאָס זעלבע איז דאָ צוויי סאָרט 'אחטא ואשוב'ס וואָס קוקן אויס ענליך אָבער זענען פּונקט פאַרקערט.

איין מהלך פון 'אחטא ואשוב' איז ווען דער מענטש נוצט די תשובה **אַלס אַ תירוץ צו קענען זינדיגן.** צוערשט טראַכט ער: "איך גיי נישט זינדיגן, ווייל איך האַלט נישט ביים דאַרפן צאָלן די קאָנסעקווענצן און די עונשים דערפון. איך האָב ליידער גענוג אויפ'ן קאָפּ. לאָמיר זיך איינהאַלטן." אָבער נאָכדעם דערמאַנט ער זיך: "אָה, **ס'איז דאָ אַ שטיקל גרינגערהייט, ס'קומט דאך יום כיפור...** אויב אַזוי, אַז ס'ווערט סייווי אויסגעמעקט, לאָמיר שוין געבן אַ כאַפּ אַריין דאָ דאָרט, ס'ווערט דאָך אויסגעמעקט מיט דער תשובה"...

דאָס מיינט אַז **די תשובה העלפט אים אַרויס צו קענען זינדיגן.** אויף אַזאַ פאַל שטייט אין דער משנה דעם פּשוט'ן פּשט אַז 'אין מספיקין בידו לעשות תשובה', ווייל **דער אויבערשטער האָט**

**נישט באַשאַפן תשובה אַז דו זאָלסט עס ׳אביזון׳,** און אַז דאָס זאָל דיר מאַכן זינדיגן חלילה.

אָבער דאַן איז דאָ אַן אַנדערע סאָרט ׳אחטא ואשוב׳ וואָס איז ממש פונקט פאַרקערט. דאָס איז ווען דער מענטש האָט ליידער שלעכטע הרגלים און נטיות, און צום באַדויערן איז ער דורכגעפאַלן, אָבער אפילו אינמיטן זינדיגן טראַכט ער צו זיך: **"דאָס איז נישט איך. איך וויל בעצם תשובה טון"...** קומט אויס אַז אין דער זעלבער מינוט טוט ער ביידע, סיי דעם ׳אחטא׳ און סיי דעם ׳אשוב׳. **ער זינדיגט אָבער ס׳טוט אים אַזוי וויי און ער זאָגט "איך גיי תשובה טון".**

### וואָס וויל ער באמת?!

דער עיקר חילוק צווישן די צוויי סאָרטן ׳אחטא ואשוב׳ איז ווען מ׳קוקט אויפ׳ן ציל: **וואו וויל ער אָנקומען, און וואָס טוט ער נאר בדרך ארעי׳דיג?**

איינער וואָס דאָס האַרץ ווייטאָגט אים: "איך וויל זיין נאָנט מיט׳ן רבוש"ע, איך וויל זיין ערליך און אָפּגעהיטן", דעמאָלט אפילו אויב ער זינדיגט, האָט ער אַן אינערליכן צער אַז ס׳איז געשען וואָס ס׳איז געשען, און נאָך **אינמיטן זינדיגן זאָגט ער ׳ואשוב׳**. וואָס איז זיין עיקר און וואָס איז זיין טפל? וואו געפינט ער זיך באמת? **זיין חיצוניות איז ׳אחטא׳ אָבער זיין פנימיות איז ׳ואשוב׳**. אויב אַזוי, איז נישטאָ קיין שום ספק אַז אודאי ׳בידו לעשות תשובה׳!

אָבער אויב איינער לעבט מיט אַ קלות ראש און ער זאָגט: "איך האָב אַ מורא׳דיגער מהלך, כ׳וועל זינדיגן און נוצן דעם ׳אשוב׳ אַלס אַ מיטל זיך צו באַרואיגן", דעמאָלט איז **זיין פנימיות ׳אחטא׳, און זיין חיצוניות איז ׳אשוב׳**. דאָס איז טאַקע אַ שרעק.

### אויב דער ציל איז גוט, טאַנץ אַריין!

דער זעלבער יסוד איז גילטיג אויף די אויבנדערמאַנטע שאלה לגבי יראה מיט אהבה: ווען ס׳קומט דער הייליגער יום טוב סוכות, קען דאָך אַ איד אָנקומען אַזוי הויך. דער קשר וואָס מ׳קען זיך בויען מיט׳ן רבוש"ע גיבט אים עפּעס וואָס קיין שום אַנדערע זאַך קען אים נישט געבן.

אָט די הייליגע, טיפע הרגשים קען יעדער מענטש שפּירן, בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם! **נישט קיין חילוק אין וועלכן מצב דו ביזט!** אפילו אויב ראש השנה און עשרת ימי תשובה זענען געווען ווי ס׳איז געווען, לב יודע מרת נפשו, **קענסטו אַריינקומען יעדע סעקונדע פונעם יום טוב סוכות און יעצט אָנהויבן דינען דעם אויבערשטן מיט אַ פלאַם!**

דער מענטש זאָגט אַזוי: איך ווייס אַז איך דאַרף אויך האָבן יראה. און **דאָס וויל איך**. ווען איך טאַנץ סוכות, איז עס באַגלייט מיט אַ שטילע תפלה: "רבוש"ע, איך בין משתוקק צו דיר! איך וויל האָבן יראת שמים אפילו ווען קיינער קוקט נישט, אפילו ווען כ׳הייב אָן זיך געבן היתרים אַז אפשר טאַקע מעג מען יאָ, וויל איך אָבער נישט רואינירן מיין קשר מיט׳ן רבוש"ע".

### די אהבה איז דורכגעפלאָכטן מיט יראה

דער תירוץ אויף דער שאלה וואָס מ׳האָט פריער געפרעגט איז אַלזאָ: **זיכער קען מען אַריינקומען ביים חלק פון אהבה**, מ׳דאַרף נאר וויסן וויאַזוי מ׳טוט עס ריכטיג. יעדער מענטש קען אַלעמאָל אנהויבן, **אויב די אהבה איז אויף אַן אופן פון ׳וגילו ברעדה׳**.

ווען אַ איד זאָגט מורא׳דיגע דיבורים פון אהבת ה׳ אין ספר תהלים, **איז דען דאָ אַ חשש אַז דאָס איז קלות ראש, ווייל ער האָט נישט געזאָגט דעם פריערדיגן קאַפּיטל?** יעדע אות אין תהלים איז דאך דורכגעווייקט מיט יראה. יאָ, אויך דער פסוק פון ׳כאיל תערוג על אפיקי מים׳, און אויך אַלע דיבורים פון כיסופים וואו דוד המלך גייט אויס פאַר׳ן רבוש"ע. **יעדע אות און יעדער פסוק וואָס דער טייטש דערפון איז אהבה איז אויך דורכגעווייקט מיט יראה.** ווען אַ מענטש זעצט זיך אַוועק און ער זאָגט איין קאַפּיטל תהלים פון אהבה, און ער איז זיך מתבונן אין די ווערטער, וואָס טוט ער יעצט? **ער נעמט אַריין ביי זיך אהבה וואָס קומט צוזאַמען מיט יראה!**

ד

# הושענא חבוקה ודבוקה בך; זיך טרעפן מיט׳ן אויבערשטן בשעת די ריקודים פון סוכות

### ווען מ׳טאַנצט כדי צו אַנטלויפן פון סטרעס...

געוויינליך ווען אַ מענטש טאַנצט און זינגט, קען דאָס קומען פון צוויי פאַרקערטע ריכטונגען. אַ מענטש קען זינגען אָדער טאַנצן כדי **׳צו מסיח דעת פונעם מצב׳**, און אַ מענטש קען זינגען אָדער טאַנצן כדי **׳אַריינצוגיין אין דעם מצב׳**.

צום ביישפּיל: ס׳מאַכט זיך געוויסע סיטואַציעס ווען דער מענטש האָט אַלערליי פּראָבלעמען אין לעבן, **ער האָט פשוט נישט קיין כח צו זיין פאַרנומען דערמיט**. צומאָל ווייל ער ווייסט נישט וואָס צו טון, און צומאָל ווייל ער ווייסט פונקטליך וואָס ער דאַרף צו טון, אָבער ער האָט נישט די כוחות דערצו.

אויב איז ער יונגער, טראַכט ער צו זיך: "לאָמיר אָפּ, איך וועל גיין צו אַ חתונה און דאָרט טאַנצן"... אויב איז ער שוין עלטער, טוט ער די זעלבע זאַך נאר אויף אַן אַנדערע נוסח... **ער פאָרט אין קאַר און ער הערט אויפ׳ן וועג היימישע מוזיק**. ס׳איז היימישע ניגונים, אָבער וואָס טוט ער יעצט? ער איז מסיח דעת! "איך האב נישט קיין כח פאר גאָרנישט. יעצט וויל איך אַז מיין מח זאל טראַכטן פון ׳גאָרנישט׳"... ער טוט נישט קיין עוולה, ס׳איז אַלעס פיינע ערליכע ניגונים, אָבער **ער נוצט די כלי פון אהבה כדי ׳צו מסיח דעת זיין׳** פון אַלע זיינע אחריות׳ן.

### שמחת בית השואבה אַלס אַ מיטל פון ׳היסח הדעת׳

ווען ס׳קומט דער יום טוב סוכות זענען דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַן ענליכן געפיל: ס׳איז געווען זייער אַסאַך פרעשור אין די הייליגע טעג. מ׳האָט געוויינט, מ׳האָט מורא געהאַט. יעצט איז ׳לך אכול בשמחה את לחמך׳... לאָז... לאָמיר יעצט אַביסל זיך נאָכלאָזן. איך וויל יעצט שפּרינגען.... כ׳האָב שוין נישט קיין כח צו די אַלע פרעשור׳דיגע זאַכן...

> ער האט נישט פאַרשטאַנען אַז די גאַנצע תכלית פון יראה איז צו ברענגען נאָנטקייט

דער מענטש האָט נישט געטון קיין עבירה! מ׳רעדט נישט פון איינער וואָס איז געוואָרן ווילד מיט אַ קלות ראש, ער האָט אָבער מסיח דעת געווען, און **למעשה האָט ער פאַרלוירן אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט!** ווייל ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי מ׳איז נאָנט מיט׳ן רבוש"ע אויף אַ געזונטן אופן. ער כאַפּט נישט וויאַזוי דאָס אַרבעט.

ווען ס׳איז געווען די ימי יראה האָט ער געשפּירט אַ ריחוק, ס׳האָט אים ווי געטון צו זיין ווייט. ער האָט געשפּירט ווי דער אויבערשטער שטייט מיט אַ שטעקן און מ׳גייט אים מעניש זיין אָן קיין מעשיות... **ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז די גאַנצע תכלית פון יראה איז צו ברענגען נאָנטקייט**, צו רעדן אָפן מיט׳ן אויבערשטן, זיך צו מתוודה זיין און חרטה האָבן.

### אָנצינדן מוזיק, כדי צו פאַרגעסן...

ווען איינער האָט אַ סכסוך מיט אַ שוואָגער, אָדער אַ פּרשה מיט אַ שכן, אָדער אַ געלט קאָנפליקט מיט אַ מחותן, און ס׳קאָסט אים כוחות הנפש נאר צו טראַכטן דערפון, אפילו ער דאַרף יעצט גאָרנישט טון, וויל דער מענטש יעצט איין

זאַך: **פאַרגעסן דערפון**. וואָס טוט ער? **ער צינדט אן אַ ניגון**. לאָמיר יעצט טון 'גאָרנישט'. וואָס דאַרף איך זיין פאַרנומען מיט דער פרשה?

ס'איז אַביסל שווער אַרויסצוזאָגן פון מויל, אָבער צום באַדויערן **שפירט דער מענטש דעם ראש השנה מיט'ן יוה"כ אויף אַזאַ סאָרט אופן**. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וויאַזוי צו זיין אָפן מיט'ן רבוש"ע און זאָגן 'אשמנו'. ווי באַקאַנט איז געווען אַסאַך מקומות ווי מ'האָט געזאָגט אשמנו מיט אַ ניגון, ווייל **'אשמנו' איז טייטש אַז מ'האָט אן אָפענעם קשר מיט'ן רבוש"ע**: "איך בין שולדיג, אבל אנחנו ואבותינו חטאנו. **אָבער איך וויל פאַררעכטן**. איך זוך דעם רבוש"ע, איך וויל זיין אמת'דיג און ערליך. איך זוך נישט אַוועקצולויפן."

## ער וויל נישט אַוועקלויפן פונעם יום כיפור

ווען ס'איז דאָ אַ געזונטער קשר, קען אַ איד זיין אָפן און וויינען צום אויבערשטן: "**ברענג מיר נענטער, איך וויל נישט זינדיגן**". ווי מ'זעט אין דער **גמרא** (ברכות יז, א) די אַלע לשונות וואָס די אמוראים האָבן זיך אַרויסגעברענגט: "גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך ושאור שבעיסה מעכב - איך וויל זיין נאָנט צו דיר, אָבער העלף מיר, העלף מיר!".

ווען מ'האָט אַזאַ צוגאַנג, דאַרף דער מענטש נישט אַוועקלויפן פון דער יראה! ווייל **ס'איז געווען אַ יראה מיט אַ קירבה**, ס'האָט אים נישט געקאָסט קיין פרייז. **ער דאַרף נישט שפירן מוצאי יום כיפור אַז "איך קען שוין נישט"**... ניין, ער האָט גערעדט מיט'ן אויבערשטן, ער איז געווען אָפן. ער האָט זיך איינגעבעטן "ה' ה' קל רחום וחנון, נעם מיר צוריק צו דיר, העלף מיר האָבן די סייעתא דשמיא צו מצליח זיין ברוחניות". אויב אַזוי, **דאַרף ער נישט נאָכדעם מסיח דעת זיין.**

יעדער איינער קען זיך אַליין בודק זיין: אויב דו דאַרפסט מסיח דעת זיין פונעם יראה, **איז דאָס אַ סימן אַז דו דאַרפסט עס איבערבויען ריכטיג**. בוי עס איבער געזונט!

## טאַנצן כדי 'אַריינצוגיין אין דעם מצב'

ס'איז אָבער דאָ אַ ריכטיגער וועג פון טאַנצן און זינגען, **ווען דער איד וויל דורכדעם שטאַרקן זיין קשר מיט'ן רבוש"ע**. ער קוקט זיך נישט אַרום, נאר ער טאַנצט יעצט מיט'ן רבוש"ע, און **ער האָט אינזין די פירוש המילות וואָס ער זינגט**. ער נוצט אַלע זיינע חושים צו דאַנקן. ער רעדט צום אויבערשטן: "טוב להודות לה', עד הנה עזרונו רחמיך", און ער וויל יעצט ארייננעמען אַלע חושים צו זיין דבוק אין רבוש"ע. **ער איז פונקט פאַרקערט פון 'היסח הדעת', אדרבה, ער איז זייער פאָקוסירט!** ער איז באַהאַפטן מיט זיין נפש, ער איז יעצט מיט'ן אויבערשטן!

אַזאַ סאָרט אהבה בויעט דעם קשר ווייל **ס'איז אויטאָמאַטיש דורכגעווייקט מיט יראה**. דער ריקוד מיט פאַרמאַכטע אויגן פון פינף מינוט **איז אַ פסוק אין ספר תהלים!** פונקט אַזוי ווי דו פאַרשטייסט אַז אין יעדן מצב קען אַ איד זיך אַראָפּזעצן מיט אַ תהלים און רעדן צום רבוש"ע, און **אפילו אויב עס עפנט זיך אויף אַ קאַפּיטל פון פסוקי אהבה**, איז עס נישט ח"ו קיין קלות ראש, ווייל **די אהבה איז אָנגעפולט מיט יראה**, דו ווערסט יעצט נענטער!

## דער סימן אויף אויסגעהאַלטענע אהבה

ווען צדיקים האָבן געזאָגט אַז "אהבה אן יראה איז גאָרנישט" האָבן זיי גערעדט פון אַ מצב ווען דער מענטש איז געקומען דאָ צו האָבן פאַן... **וויאַזוי קוקט אויס זיין שחרית נאָך די שמחת בית השואבה?** דאָס אינטערעסירט אים שוין נישט... ער איז בעצם געקומען דאָ צו טרעפן אַ מקום וואו מ'קען זיך מגשם זיין, זיך לאָזן וואוילגיין מיט פלייש און ווין, און ס'זאָל נאָך זיין אָפּיציעל מיט אַ שטיקל גדר אַז יום טוב מעג מען... **ער האָט נישט געזוכט דעם קשר**, ער האָט געזוכט צו שפּרינגען און טאַנצן, זיך מסיח דעת זיין און סתם זיך צעלאָזן...

אָבער אויב דער מענטש פאַרשטייט: "איך וויל מיט אַלע מיינע חושים רעדן און זיך משתוקק זיין צום רבוש"ע. איך ווייס פונקטליך צו וועמען איך דאַנק און צו וועמען איך טאַנץ". **דעמאָלט איז די צען מינוט טאַנצן אַזוי הייליג און דערהויבן**. דאָס ביסל שווייס וואָס רינט אַראָפּ בשעת'ן טאַנצן וואַשט אים אויס פון עבירות. ער באַקומט אַזאַ שייכות מיט'ן רבוש"ע!

## עול מלכות שמים קומט צוזאַמען מיט שמחה

דאָס איז נישט אהבה אָן קיין יראה! ניין, **דאָס איז אהבה מיט יראה!** ווייל בשעת די שמחה שפירט ער איין זאַך: "לעשות רצונך אלקי חפצתי". דאָס איז וואָס ער טאַנצט, דאָס איז וואָס ער טראַכט, און **מ'מוז האָבן די שמחה אַלס אַ חלק פון די יראה**. די מצוה פון קריאת שמע ווערט אָנגערופן 'עול מלכות שמים', ביי קריאת שמע איז מען מקבל צו דינען דעם רבוש"ע בכל לבבו ובכל נפשו, וויאַזוי איז מען דאָס מקבל? **מיט'ן זאָגן אהבה רבה פאר קרי"ש און מיט'ן פסוק פון 'ואהבת'!**

ווילאַנג דער מענטש האָט נאָר אַ חיצוניות'דיגן עול, פון אינדרויסן, **איז דאָס נישט קיין עול מלכות שמים**. ס'איז עפּעס וואָס איז נאָר גלייך צו אַן עול. ער האָט נישט באמת קיין שייכות מיט'ן רבוש"ע, נאר היות מ'טאָר נישט טון יענע זאַך, דעריבער מאַכט ער זיך אַ גדר וסייג. דאָס איז אויך גוט, אָבער **ס'איז 'אינו דומה' צו אַן אמת'ן עול מלכות שמים** וואָס קומט פון אַן אינערליכע פלאַץ אין האַרץ.

## ווען ס'איז דאָ אַ קשר קען מען עומד זיין בנסיון

ווען אַ נייער מלמד זוכט אַ מהלך אַז די קינדער זאָלן נישט אַרומרודערן ביי אים אין כתה; זיי זאָלן זיך נישט צולאכן אינמיטן לערנען; יעדער איינער זאל איינזיצן; ס'זאָל זיין אַ יראת הכבוד ווען מ'לערנט פאַר, האָט ער צוויי וועגן. איין מהלך איז צו שטיין מיט אַ שטעקן און שטאַרק מעניש זיין, אָבער **מיט דעם מהלך האָט ער גאָרנישט געבויעט**. אויב ער דרייט זיך אויף אַ סעקונדע, לאַכט יעדער איינער אונטער זיין רוקן...

אָבער ווען אַ מלמד האָט באמת ליב זיינע תלמידים, ער קניפּט אן אַ נאָנטע שייכות מיט זיי, ער רעדט מיט זיי פּריוואַט: "האסט זייער גוט געקענט, איך האָב מורא'דיג הנאה". קען עס אפילו זיין אַכט-יעריגע קינדער, אָבער ער בויעט זיי אויף. **ער דאַרף נישט נאָכדעם שרייען, ווייל ס'איז דאָ אַ קשר!** זיי ווילן נישט שטערן דעם געשמאַקן מצב וואָס הערשט אין קלאַס.

אויב אַ איד וועט אַלעמאָל בלייבן מיט יראה אָן קיין אהבה, דעמאָלט ווען ס'גייט אים אונטערקומען אַן עת נסיון, **האָט ער נישט קיין ריכטיגן קשר**: "דער אויבערשטער שלאָגט. ביזט זיכער אַז ער שלאָגט? יאָ, אַזוי שטייט אין אַלע ספרים". אָבער ס'קומט צו אַ פונקט וואָס דער מענטש זאָגט: "איך האָב נישט קיין כח, מ'וועט באַלד זען"... אָבער **אויב דו האסט אַן אינערליכן קשר מיט'ן רבוש"ע, ווילסטו פשוט נישט מצער זיין די שכינה.**

## אויסנוצן די 'ימי אהבה' פון סוכות

דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ לעכטיגן יום טוב פון 'וימינו תחבקינו', דאָס איז דאָך דער גאַנצער ענין פאַרוואָס מ'גייט אַריין אין דער סוכה. יעדע זאַך וואָס מ'טוט אין דעם יום טוב איז צו בויען דעם קשר מיט'ן רבוש"ע, ווייל מ'וויל זיין נאָנט, ברענגט אויטאָמאַטיש יראת שמים! **זאָג שיר השירים מיט טייטש**, אָבער קיינער זאָל נישט זיין נעבן דיר. **לערן עס מיט רש"י**. מען באַקומט דאָך אַזויפיל יראת שמים פון די רש"י'ס אין שיר השירים!

ווען אַ מענטש האָט 'אהבה אָן קיין יראה' איז דאָס אַביסל גלייך צו צוויי מענטשן וואָס פאַרברענגען ביז די טיפע שעות פון די נאַכט, און איינער הייבט זיך אן עפענען פאַר'ן צווייטן, ער דערציילט אים פערזענליכע זאַכן. און דער צווייטער טראַכט צו זיך: "אַה, דאָס איז סחורה... לאָמיר אים רעקאָרדירן... איך האָב דאָ באמבעדיגע סודות וואָס קומען אַרויס". בשעת יענער פאַרציילט זיינע פערזענליכע זאַכן טראַכט ער אַגאַנצן צייט: "וואָס קען איך טון מיט דעם? כ'מיין אַז מ'קען אפילו מאַכן געלט דערפון"... דאָס באַדייט אַז **דו האסט אויסגענוצט דעם מצב פון אהבה, כדי אַרויסצושלעפן פון יענעם**. דיין גאַנצע אינערליכע כוונה איז אַלעס געווען ווייל דו ווילסט פּורק עול זיין, און דערפאַר ביזטו געווען נאָנט! דאָס איז אַ שרעקליכע נידריגקייט, ה' ירחם.

אַביסל ענליך דערצו איז ווען אַ מענטש וויל האָבן שמחה אָן קיין יראה: ער לאָזט זיך יעצט וואוילגיין ווייל מען מעג דאָך עסן פלייש... נישט נאר מען מעג, ס'איז אַ מצוה... ער וויל זיך בלויז אויפרייסן און פאַרברענגען אַגאַנצע נאַכט, כדי זיך צו בויען זיין כבוד אָדער תאוה. דאָס איז נישט בלויז 'שלא לשמה', נאר ס'ברענגט ליידער דאָס פאַרקערטע ח"ו.

## טאַנצן מיט געפילן איז אַ געוואַלדיגע עבודת ה'

אָבער מ'קען טון די זאַך ריכטיג, **מיט'ן תכלית צו בלייבן נאָנט מיט'ן רבוש"ע**. אָפּגעזען אין וועלכע מצב דו געפינסט זיך, כאָטש דו ווייסט פונקטליך

דיינע יצר הרע׳ס, אָבער יעצט שטייסטו מיט פאַרמאַכטע אויגן און דו טאַנצט פאר צוויי מינוט: **"רבוש"ע, איך פריי זיך מיט דיר, איך שעם זיך פון מיינע מעשים, אָבער איך פריי זיך אַז איך בין אַ איד, אני לדודי ודודי לי"**, דאָס איז אהבה מיט יראה! דאָס איז אַ הייליגע אהבה וואָס וועט אַריינגיין ביי דיר אין נפש, **ס׳וועט דיר ברענגען אַזויפיל יראת שמים!**

דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז אונזער נפש זאָל זיין אָנגעפולט מיט הרגשים און לעבעדיגע געפילן. **מ׳קען נישט דינען דעם אויבערשטן טרוקענערהייט, ווייל נאָכדעם פאַרלירט מען זיך בשעת נסיון.** דוד המלך האָט געטאַנצן און געמאַכט אַלע סאָרט תנועות פאר דער תורה, ודוד מכרכר ומפזז בכל עוז, און ווען מיכל האָט מזלזל געווען אין אים אַז דאָס איז נישט לפי כבודו, איז דאָס געווען אַ גרויסער חטא: וואָס הייסט דו ביזט מזלזל אין דעם וואָס דוד המלך טאַנצט פאר דער תורה?!

אַ מענטש קען ביי שמחת בית השואבה, אָדער ביי די הקפות, אַביסל אַרויסגיין פון די כלים, ווייל ער טראַכט: "דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ תורה, אשר נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכינו, איך ווייס דעם אמת!". וויאַזוי ווייס איך דעם אמת? ווייל ליידער קען איך עס פון ביידע זייטן. דער פסוק זאָגט ׳ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה׳, **איך האָב שוין געזען די ברכה און די קללה, און טאַקע דערפאַר געדענק איך שטאַרק אַז ׳וחיי עולם נטע בתוכינו׳.** ער לאָזט זיך טאַנצן, ער לאָזט זיך אַביסל אַרויסגיין פון די ראַמען. דאָס איז אַ שמחה געוועקט אין יראת שמים!

ה

# כי בו ישמח לבינו; זיך טרעפן און זיך פרייען מיט׳ן אויבערשטן אַליין

## זיי ׳דאָהי׳ כאָטש אויף עטליכע מינוט...

ס׳איז דאָ היינט אַ באַגריף, וואָס ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר, אַז **דער מענטש איז קיינמאָל נישט מיט זיך, ווייל ער האָט שטענדיג זיין טעלעפאָן און מ׳קען אים אַלעמאָל כאַפּן.** ער איז אייביג ׳אוועלעבל׳ פאר דעם חבר און פאר יענעם חבר, און ער איז קיינמאָל נישט מיט זיך אַליין... די מומחים וואָס טוען אין שלום בית רעדן זיך שטאַרק אָפּ אַז דאָס איז אַ גרויסער פּראָבלעם, דער מענטש פאַרשטייט נישט אַז ווען ער קומט אַהיים דאַרף ער זיין ׳דאָ׳...

ממש דער זעלבער פּראָבלעם איז דאָ לגבי אונזער קשר מיט׳ן רבוש"ע. **מ׳איז פשוט נישט צוגעוואוינט צו זיין אַליין מיט׳ן רבוש"ע אפילו אויף עטליכע מינוט.** ווען דו זאָגסט הייליגע דיבורים פון פסוקי דזמרה, הלל, אָדער הושענות, פאַרוואָס דאַרפסטו יעצט נוצן דיינע אויגן זיך אַרומצוקוקן? **דעק זיך איבער מיט׳ן טלית!** זיי יעצט בלויז מיט׳ן אויבערשטן. רעד מיט אים, זיי מיט אים.

די טעג פון סוכות זענען ימי אהבה. - אהבה מיינט אַז קיינער הערט נישט און קיינער זעט נישט; **קיינער איז נישטאָ דאָ, נאר איך מיט׳ן רבוש"ע;** איך רעד זיך דורך מיט אים. דאָס ברענגט אַזאַ יראה ואהבה, און עס מאַכט אַז מ׳זאָל אָנהויבן שפּירן דעם קשר.

## געטוישט טעלעפאָן נומער אויף סוכות...

דער געפיל איז נישט עפּעס וואָס באַלאַנגט נאר פאר יענעם עלטערן פאַרצייטישן איד... יענער איד האָט עס טאַקע ווייל ער האָט עס קיינמאָל נישט פאַרלוירן, אָבער אין אַכציג יאָר אַרום וועסטו זיין דער פאַרצייטישער איד... **דו מוזט עס האָבן אַלס אַ חלק פון דיין אידישקייט!**

איך האָב היינט מיטגעהאַלטן ווי אַ איד איז געווען פאַרנומען זיך איינצוהאַנדלן אַ נייעם טעלעפאָן נאר אויף חול המועד. ער דאַרף אַן אַנדערע נומער וואָס קיינער קען נישט, ווייל **ס׳קומט סוכות, און ער האַלט נישט דערביי אַז יעדער זאָל אים קענען כאַפּן און רעדן מיט אים...** איך וויל יעצט זיין מיט׳ן רבוש"ע!

אַזויווי ס׳זענען דאָ עלטערן וואָס אין דעם יום החופּה ווען זיי מאַכן חתונה אַ קינד, לייגן זיי אַוועק דעם טעלעפאָן: **"יעצט וויל איך זיין אַביסל מיט׳ן אויבערשטן אַליין"**. איי, ס׳איז דאָך יום החופּה, און מ׳דאַרף אים קענען כאַפּן? בסדר, איין נאָנטער מענטש קען האַלטן זיין טעלעפאָן, אָבער "איך דאַרף נישט אַז די גאַנצע וועלט זאָל מיר קענען יעצט רופן"...

ווען אַ מענטש טאַנצט פאַר׳ן אויבערשטן, און אינמיטן ווינקט ער זיך מיט חברים, ווייסטו שוין צי דאָס איז אהבה **מיט** יראה צי אהבה **אָן קיין** יראה. ס׳הערט זיך ווי אַ קלייניגקייט, אָבער אויב ער איז פאַרנומען מיט אַלעם חוץ מיט׳ן רבוש"ע, דעמאָלט איז דאָס מער אַ **היסח הדעת** ווי **אַריינגיין אין אַ קשר.** אודאי איז אהבת חברים אויך אַ חלק פון דער שמחה. ס׳איז זייער הייליג ווען מ׳איז צוזאַמען מיט אידן, אָבער יעדע זאַך קען גענוצט ווערן ריכטיג אָדער ח"ו פאַרקערט.

## מ׳קען אַלעמאָל אָנהייבן דעם קשר

צו מאַכן אַ סך הכל: דאָס איז קלאָר אַז דער געוועגליכער סדר איז **יראה און נאָכדעם אהבה.** אַזוי גייט טאַקע דער מהלך פון די הייליגע טעג, ווייל **יעדער קשר הייבט זיך אָן מיט יראה און דערנאָך מיט אהבה.** ווי מ׳האָט דערמאַנט דעם משל פון דעם קשר מיט אַ תלמיד חכם: **מ׳הייבט אָן מיט אַ יראת הכבוד**, ווייל מ׳קען אים נאָכנישט, אָבער מ׳ווייסט אַז ער איז אַ דערהויבענער איד. **נאָכדעם קומט די אהבה, וואָס איז שוין אַ העכערע דרגה**, ווען מ׳באַקומט אַ פנימיות׳דיגן קשר של אהבה.

אויב אַזוי, וואָס טוט מען אויב איך האָב נישט געהאַט די יראה? דער תירוץ דערויף איז, אַז ס׳האָט נישט צוטון וויאַזוי דער מענטש האָט געפּראַוועט די ימי אלול ותשרי ביז יעצט, ס׳האָט בעיקר צוטון **אויב די יעצטיגע אהבה איז דורכגעווייקט מיט יראה.** און דער סימן וויאַזוי מ׳קען דאָס וויסן איז דורכדעם וואָס מען באַטראַכט זיך אַליין: **די שמחה מאַכט מיר ׳היסח הדעת׳ פונעם אויבערשטן, אָדער די שמחה ברענגט מיר טיפער און נאָנטער צום אויבערשטן?** פונקט ווי שיר השירים מיט רש"י ברענגט אַריין יראת שמים, קען אויך טאַנצן מיט׳ן אויבערשטן ברענגען יראת שמים!

## נישט פאַרפּאַטשקענען אַ געלעגנהייט!

אַ מענטש קען אַמאָל זיין פאַרנומען אַגאַנץ יום טוב און חול המועד מיט זייטיגע זאַכן. ער איז געפאָרן דאָ, ער איז געגאַנגען באַזוכן די באַבע, א.א.וו. אפילו אויב ס׳איז זייער וויכטיגע זאַכן, **אָבער ס׳איז נישט אַנשטאָט דעם יום טוב!** מ׳דאַרף גוט האַלטן קאָפּ, ווייל ס׳איז דאָ ביי מענטשן אַזאַ געפיל אַז סוכות איז אַ סאָרט יום טוב וואָס מ׳קען זיך נאָכלאָזן, ס׳איז פרייליך און ס׳איז אַזעלכע לאַנגע נעכט... באמת זענען די נעכט גאָרנישט אַנדערש, נאר דער מענטש איז מסכים צו זען דעם זייגער מיט אַנדערע נומערן. ווייל "ס׳איז דאך סוכות"... מ׳גיט אַ שטיקל דריי דעם זייגער, מ׳לייגט זיך פיר אַזייגער פאַרטאָגס, און מ׳דאַוונט כ׳וויל נישט זאָגן ווען...

פון דער אַנדערער זייט קען מען זען אידן וואָס סוכות איז אַזוי פרייליך, אַזוי הייליג, און אַזוי דערהויבן. זיי פאַרברענגען אויך אַסאַך צייט מיט די ריקודים און שמחת בית השואבה, אָבער דער עיקר איז: **וואָס איז דיין כוונה און דיין תכלית?**

החכם עיניו בראשו, ווייל ס׳איז דאָ אַזויפיל טרדות און שיעבודים, מיט די קינדער א.א.וו. אָבער מ׳דאַרף האַלטן קאָפּ אויסנוצן דעם זמן, אויב נישט אינגאַנצן, כאָטש וויפיל ס׳איז שייך. אויב דער מענטש ווייסט וואָס ער וויל, דעמאָלט מאַכט ער זיכער אַז **די שחרית פון יעדן טאָג חול המועד זאָל זיין הייליג און מיט אַ גוטע הכנה.** מען מעג דאַווענען אַביסל לענגער... ס׳איז דאָך חול המועד, מ׳גייט נישט אַריין אין דער אַרבעט. לאָז אַביסל.. אַ שחרית זאָל זיין אַ שחרית, אַ פסוקי דזמרה זאָל זיין אַ פסוקי דזמרה, אַ הלל זאָל זיין אַ הלל.

אַזוי בויעט זיך אַ קשר פון אהבה מיט יראה, ווי **חז"ל** זאָגן ׳לא ראינו שינה בעינינו׳, ביי שמחת בית השואבה האָט מען געקענט אָנגיין אַזויפיל טעג אָן קיין שלאָף, פון גרויס קאָך פאַר׳ן רבוש"ע. טאָמער ס׳איז דאָ בלויז אַ היסח הדעת׳דיגע סאָרט שמחה שלאָפט מען איין צום סוף, אָבער אויב די שמחה איז מיט אַ חיות פון קרבת ה׳ ווערט מען נאר נאָנטער און פריילליכער. ▪

# שמיני עצרת

## שימנו כחותם על לבך;

שמיני עצרת ברענגט אַרויס די גרעסטע אהבה צווישן אידן מיט'ן אויבערשטן

חול המועד סוכות כ' תשרי תשפ"ו

א

# אני לדודי ועלי תשוקתו; די טיפע נאָנטקייט ברענגט אויטאָמאַטיש קבלת התפלות

### אַ טאָג פון דביקות

אָט קומט דער גרויסער טאָג פון **שמיני עצרת**, דער שפּיץ פון חודש תשרי, ווי דער **זוהר הק'** זאָגט אַז ס'איז אַ טאָג פון 'יחודא שלים', ווען ס'איז דאָ די שטאַרקסטע דביקות צווישן אידן מיט'ן רבוש"ע. צדיקים האָבן זיך אויסגעדרוקט אַז די גאַנצע אַרבעט פון אַלע הייליגע טעג **איז אַלץ געווען כדי אָנצוקומען צו דעם טאָג פון שמיני עצרת** ווען אידן זענען אַזוי נאָנט מיט'ן רבוש"ע.

די עבודה פונעם טאָג איז אַן עבודה פון דביקות. שמיני עצרת איז נישטאָ קיין שום ספּעציעלע מצוות אַזויווי אַלע אַנדערע ימים טובים, ווייל ס'איז אַ טאָג וואָס דער רבוש"ע בעט פון אַ איד: "**זיי מיט מיר, מאַך מיר אַ סעודה קטנה**". און אַזוי טוט מען עס אויך אויפ'ן פּראַקטישן אופן, מען נעמט אַרום דעם ספר תורה און מ'טאַנצט דערמיט. דאָס איז די מאַקסימום וואָס מ'קען פיזיש טון אויסצודריקן אונזער אהבה. מען איז מיט'ן אויבערשטן. ס'איז אַ מורא'דיגער טאָג פון יחודא שלים.

### קבלת תפלות דורך די נאָנטקייט

אויסערדעם איז דאָ דער אַנדערער חלק פונעם טאָג, ווי דאָס באַקאַנטע לשון פונעם זוהר הק' 'כל מאי דבעי שאיל ויהיב ליה', אַז ס'איז זייער שטאַרק מסוגל אויף קבלת תפלות, ווען דער רבוש"ע נעמט אָן אַלעס וואָס מען בעט זיך אויס.

מ'דאַרף אָבער אַכטונג געבן אַז מ'זאָל נישט בלייבן אויף דעם קינדערישן שטאַפּל פון הבנה, כאילו ס'איז דאָ איין עבודה זיך צו פרייען מיט'ן רבוש"ע, און ס'איז דאָ נאָך אַ נושא אַז מ'קען אויס'פּועל'ן און אַריינכאַפּן ישועות... ווען מ'לערנט אַביסל די הייליגע ספרים אינעווייניג, פּאַרשטייט מען אַז ס'איז נישט קיין צוויי באַזונדערע זאַכן. ס'איז בעצם פאַרבונדן איינס מיט'ן אַנדערן: **וויבאַלד דו ביזט אַזוי נאָנט, דערפאַר ווערט אָנגענומען אַלעס אויף וואָס דו מתפּלל.**

### אַ שמיני עצרת'דיגע סאָרט בקשה

ווילאַנג דער מענטש בלייבט מיט דער זעלבער הבנה פון כתה א', האָט ער אַ בקשה, ער איז פּאַרווייטאָגט, ער האַלט אַז ס'קומט זיך אים עפּעס, און ווען ס'קומט שמיני עצרת, כאַפּט ער זיך צו דערצו, ווייל ער האָט געהערט אַז מ'קען דעמאָלט אַסאַך אויס'פּועל'ן. ער בעט מער און ער דאַוונט נאָכאַמאָל.

אָבער ווען אַ איד פאַרשטייט שוין אַביסל בעסער, דערהערט ער, אַז **אין דעם טאָג ווערט נתגלה דער קשר צווישן דיר מיט'ן רבוש"ע אויף אַ פיל טיפערן אופן**; עס קומט אַרויס אַ מורא'דיגע אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידישע קינדער. און אויב דער איד לעבט מיט'ן קדושת היום, ער שפּירט זיין נאָנטקייט צום רבוש"ע, דעמאָלט בעט ער אַן אַנדערע סאָרט תפלה, **זיין בקשה אום שמיני עצרת קומט פון גאָר אַן אַנדערן פלאַץ אין זיין מח און הארץ**, און זיין תפלה ווערט טאַקע אָנגענומען ווייל ער איז דאָך אַזוי נאָנט!

### ווען מ'בעט אַ טעכנישע טובה

משל למה הדבר דומה: ס'איז דאָ אַ מענטש וואָס האָט אַמאָל געטון אַ געוויסע טובה פאַר אַ געוויסן עסקן, און יענער עסקן האָט אים דעמאָלט געזאָגט: "ווען דו וועסט עפּעס דאַרפן, וועל איך דיר פּרובירן צו העלפן". **דער מענטש האָט נישט קיין ספּעציעלע שייכות מיט יענעם עסקן, נאָר בסך הכל איז אים דער עסקן שולדיג אַ הכרת הטוב**. אַזויווי ווען איינער באַצאָלט עפּעס אין געשעפט און ער בלייבט איבער רעשט וואָס מ'דאַרף צוריקגעבן.

אַ צייט שפּעטער רופט טאַקע דער מענטש אָן יענעם עסקן: "יאָ, ווער ביסטו?", ער זאָגט אים זיין נאָמען, און דער עסקן פּרובירט שנעל צו כאַפּן ווער ס'איז דער מענטש, ביז ער דערמאָנט זיך: "אָה, יאָ יאָ, וואָס קען איך אייך העלפן". - "דו געדענקסט אַז איינמאָל האָסטו מיר געזאָגט אַז כ'קען דיר רופן? אָקעי, יעצט איז די צייט. מיין שוואָגער האָט אַ בחור וואָס מ'דאַרף מסדר זיין מיט אַ ישיבה, אפשר קענט איר עפּעס טון דערצו".

אַזאַ סאָרט בקשה קומט נישט פון קיין גרויס ליבשאַפט. **טעכניש האָסטו טאַקע דאָס רעכט צו בעטן די בקשה, אָבער ס'האָט בכלל נישט צו טון מיט קיין נאָנטקייט**. פּאַרקערט, ס'איז ווי אַ חוב וואָס יענער דאַרף מיר באַצאָלן. איך האָב באַקומען אַ קרעדיט קאַרטל וואָס איך פּרוביר יעצט אויסנוצן... דאָס איז זייער אַ ווייטע סאָרט בקשה.

### אַ בקשה וואָס מען באַקומט מתוך אהבה

אָבער ס'איז פאַראַן אַ בקשה וואָס קומט מתוך קרבה. ס'איז ידוע וואָס די **ספרים הק'** זאָגן אַז יעדעס מאָל ווען ס'שטייט 'מלך' אין מגילת אסתר, איז עס מרמז אויפ'ן רבוש"ע. אין דער מגילה שטייט אַז ווען אסתר האָט געלאַדנט דעם מלך אויף אַ סעודה איז אַרויסגעקומען אַזאַ נאָנטע קרבה אַז דער מלך האָט געזאָגט: "**מה בקשתך, עד חצי המלכות וינתן לך**", און אסתר האָט טאַקע דעמאָלט גע'פּועל'ט די גרויסע ישועה פאַר אַלע אידן.

דאָס איז נישט געווען קיין געפּלאַנטע טעכנישע בקשה: "אַ פּערטל נאָך פּינף, קענסטו מיר קומען בעטן אַ בקשה". נאָר ס'האָט געאַרבעט פּאַרקערט: אסתר האָט געמאַכט אַ סעודה, ס'איז געוואָרן אַ נאָנטקייט, און דורכדעם האָט דער מלך נאַטירליך געבעטן: "**זאָג מיר וואָס דו דאַרפסט, איך גיב דיר אַלעס**". ווען ס'איז דאָ אַ פּנימיות'דיגע קרבה, מיט אַן אידעלע נאָנטקייט, **קומט אויטאָמאַטיש אַרויס אַז מ'קען פּועל'ן אַלעס וואָס מען בעט**. ווען אַ מענטש שפּירט אַ טיפע התרגשות פון נאָנטשאַפט צו יענעם, זאָגט ער: "זאָג מיר וואָס דו דאַרפסט, איך וויל דיר העלפן, ווייל איך שפּיר אַזוי שטאַרק אונזער אהבה".

### 'אחת שאלתי' ביי מנחה נאָך די הקפות...

ווען ס'קומט אַזאַ הייליגער טאָג, דאַרף אַ איד זיך צוגרייטן **דורך אויפבויען זיין געפיל פון קרבה צום אויבערשטן**, און דעמאָלט קומט נאַטירליך אַרויס אַ טיפע בקשה פון 'אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי'. זיינע תפלות און בקשות קומען אַרויס מתוך אַ מצב פון נאָנטקייט.

דאָס לעצטע מאָל וואָס מ'זאָגט דעם פּסוק אינעם קאַפּיטל 'לדוד ה' אורי', איז ביי די תפלות פון מוסף און מנחה וואָס מען דאַוונט נאָך די הקפות, ווען **אַ איד איז אַזוי נאָנט, אַזוי פריילעך, און אַזוי אויסגעטון פון גשמיות**. דער איד איז אַזוי דערהויבן אַז ער צעוויינט זיך מיט אַ בקשה: "רבוש"ע, יעצט איז דאָ אַזאַ נאָנטקייט צווישן אונז, אָבער **איך בעט דיר, פאַרלאָז מיר נישט!** איך ווייס אַז ס'קומט אַ קאַלטער ווינטער. איך ווייס אַז ס'גייען זיין נסיונות. כ'רעדט זיך נישט אויף אַ מינוט אַז נישט. איך בין אָבער מתפלל אַז ס'זאָל בלייבן דער קשר. **רבוש"ע, איך האָב דערהערט ווער איך בין!** איך האָב געשפּירט אונזער קשר און אונזער דביקות!"

### מ'קען פּועל'ן מתוך נאָנטקייט

אַמאָל איז דאָ אַ מציאות ווען דער מענטש ווייסט אַז אין אַ שפּעטערדיגן זמן ווערט דער קירוב

זיין שטאַרקער, דעריבער שטופּט ער אָפּ זיין תפלה אויף דעמאָלט: "איך קען שוין טאַקע בעטן יעצט, אָבער איך מיין אַז ס'איז כדאי צו וואַרטן. לאָמיר ליבערשט בעטן די בקשה ווען ס'וועט זיין 'כטוב לב המלך ביין'."

ס'איז דאָ קהלות ווי מנחה פון יום כיפּור דאווענט מען אַביסל שנעלער, ווייל מ'וויל איבערלאָזן די גאַנצע כוונה פאר נעילה. אין ספרים הק' שטייט דאך אַז ס'איז דאָ פינף זמנים פון עת רצון. ס'זענען דאָ די זמנים פון אלול, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפורים, און ס'איז דאָ אַ באַזונדערע עת רצון פון נעילה. ביי נעילה עפנט זיך אַ נייע טיר פון קבלת תפלות, דעריבער שפּירט דער איד אַז ער וויל אַוועקלייגן זיין עיקר תפלה אויף נעילה. ווייל נאָך עטליכע מינוט גייט אַרויסקומען אַ נייע פּושקע פון לולבים. ס'לוינט זיך צו וואַרטן...

> **דער ציל פון אַלע ימים טובים איז אָנצוקומען צו דעם יחודא שלים וואָס אַ איד האָט מיט'ן רבוש"ע.**

אָבער דאָ רעדט מען פון אַ טיפערע נקודה: ס'איז נישט פּשט אַז מ'וואַרט אויף שמיני עצרת ווייל ס'איז אַן עת רצון. נאר **שמיני עצרת ווערט דער איד אַזוי נאָנט און דערהויבן, אַז זיין בקשה איז גאָר עפּעס אַנדערש.** ווילאַנג מ'בלייבט מיט די קינדערישע הבנה, וויל דער מענטש אַריינכאַפּן צו בעטן בקשות... ער מאַכט שנעלע הקפות, ווייל ער איז פאַרנומען צו אויסנוצן דעם טאָג וואָס מ'קען פועל'ן... ס'איז אוודאי אמת אַז מ'קען אַלעס פועל'ן, **אָבער נישט דאָס מיינט מען!** די כוונה איז, אַז מ'קען פועל'ן ווייל מ'איז אַזוי נאָנט! דער איד שפּירט זיך אַזוי דערהויבן, זיין נשמה מיט די שכינה הק' האָבן זיך כביכול געטראָפן אינעווייניג, און **ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן רבוש"ע ווען ער געפינט זיך אין אַזאַ דערהויבענעם מצב.** דאס איז דער פּשוט'ער טייטש פונעם זוהר הק': 'ומאן דיתיב עם מלכא ונטל ליה בלחודיה - כל מה דבעי, שאיל ויהיב ליה'.

ב

## יחודא ליחדך; שמיני עצרת פריידט מען זיך בלויז מיט אונזער פּנימיות'דיגער קשר

### שמיני עצרת איז נישטאָ קיין כלים פאַר'ן אור

ביי אַלע אַנדערע ימים טובים איז דער מהלך, אַז אויב מ'וויל אָנקומען צו די ליכטיגקייט פונעם יום טוב, איז דאָ אַוועקגעשטעלט אַ סדר פון מצוות און תפלות און מנהגי ישראל **וואָס געבן די כלים צו קענען באַקומען דעם אור פונעם טאָג.** למשל אין דעם יום טוב פּסח קומט אַראָפּ אַ מורא'דיגער אור, אָבער **כדי צו באַקומען דעם אור דאַרף מען מקיים זיין די מצוות היום** פון אכילת מצה, סיפּור יציאת מצרים, איסור חמץ. **דאָס זענען די כלים** וויאַזוי מ'קען זיך אָנכאַפּן אין דער גרויסער ליכטיגקייט. און דאָס זעלבע איז מיט אַלע ימים טובים.

אָבער ווען ס'קומט צו שמיני עצרת איז עס אין אַ געוויסן זין אַביסל שווערער, **ווייל די תורה האָט נישט געגעבן קיין כלים פאר דעם אור.** ס'איז דער איינציגסטער יום טוב וואָס האָט נאָר דעם אור אַליין, **אָן קיין שום ספּעציעלע מצוה.**

### די שפּיץ נקודה פון אַלע ימים טובים

ס'איז ידוע וואָס דער **רמ"ע מפאנו** זאָגט, אַז ביי אַלע אַנדערע ימים טובים זאָגט מען אין שמונה עשרה: 'חג המצות הזה', 'חג השבועות הזה', 'חג הסוכות הזה', אָבער שמיני עצרת זאָגט מען: 'יום שמיני עצרת החג הזה'. ווייל 'חג' איז אַ לשון פון 'מחוגים' - די ווייזערס וואָס דרייען זיך אַרום אויף אַ זייגער. אַלע ימים טובים דרייען זיך אַרום עפּעס, און שמיני עצרת איז די זאַך אַליין! **שמיני עצרת איז דער פּינטל וואָס אַלעס דרייט זיך אַרום די נקודה!**

דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ יום טוב פּסח צו געדענקן אַז ער האָט אונז אויסגעוועלט און אַרויסגענומען פון מצרים; אַ יום טוב שבועות צו געדענקן אַז ער האָט אונז געגעבן די תורה; און אַ יום טוב סוכות צו געדענקן אַז ער האָט אונז באַגלייט אין מדבר מיט ענני הכבוד, אָבער דער תכלית פון אַלעס איז אַרויסצוברענגען אונזער טיפן קשר און שייכות מיט'ן רבוש"ע, **דער ציל פון אַלע ימים טובים איז אָנצוקומען צו דעם יחודא שלים וואָס אַ איד האָט מיט'ן רבוש"ע.**

אָט דער יחוד ווערט נתגלה אום שמיני עצרת! **שמיני עצרת איז דער יום טוב אַליין. מען איז אָנגעקומען צום שפּיץ פּינטל!** ווייל אַלעס דרייט זיך דאָך אַרום די נקודה, אַז מ'זאָל דערהערן וואָס הייסט זיין אַ איד, און מ'זאָל כאַפּן ווי טיף איז אונזער קרבה מיט'ן רבוש"ע.

דעריבער, ווען מ'קומט אָן צו אַזאַ הויכע פּלאַץ, איז שוין נישט אַזוי פּאַסיג צו מאַכן כלים דערצו. ווילאַנג מ'שטייט נאָך פון אינדרויסן, קען מען זאָגן פאַר'ן מענטש: "טו אָן אַן אַנצוג, יעצט שמייכל, יעצט טו דאָס"... אָבער ווען ס'קומט די זאַך אַליין, זאָגט מען אים: "איך האָף אַז דו שפּירסט עפּעס אָן קיין דרויסנדיגע כלים, ווייל **אויב דו שפּירסט גאָרנישט, וואָס זאָל איך דיר זאָגן?** הייב אָן נאָכאַמאָל, הייב אָן עסן מצות, פּראַוווע אַ שבועות מיט אַ סוכות, גיי צוריק אַרויס פונעם טיר און קום צוריק נאָכאַמאָל, איך האָף אַז דאָס מאָל וועט עס יאָ אַרבעטן"...

### אַ יום טוב אָן קיין געהעריגע סטרוקטור...

אָבער טאַקע דערפאַר זענען דאָ מענטשן וואָס מוטשן זיך מיט אַזאַ סאָרט יום טוב ווי שמיני עצרת און שמחת תורה. איינס פון די סיבות דערצו איז, ווייל וויפיל דער טאָג האָט ווייניגער אַן אַוועקגעשטעלטע סטרוקטור, **אַזויפיל מער דאַרף דער מענטש זיין אין אַ פּנימיות'דיגן דערהויבענעם מצב כדי צו קענען מיטהאַלטן דעם יום טוב.** אויב האָט ער נישט די געהויבענע הרגשה, האָט ער ממש גאָרנישט, ווייל ס'איז דאך נישטאָ קיין למעשה'דיגע מצוות צו מקיים זיין.

אַנדערע מוטשן זיך דאָס זעלבע מיט פּורים, וואָס איז אויך זייער אַ הויכע טאָג, און אויב מ'איז נישט אין אַ דערהויבענעם מצב קען עס זיין שווער. הגם דאָרט איז כאָטש דאָ מצוות וואָס מ'דאַרף טון; ער גייט הערן די מגילה, ער איז מקיים מתנות לאביונים, ער זיצט אין טראַפיק ווייל ער דאַרף פאָרן צו אַ באַבע שיקן משלוח מנות, ער איז יאָ אָדער נישט שיכור, אָבער ער האָט כאָטש מקיים געווען די מצוות היום.

שמחת תורה איז אין אַ געוויסן זין נאָך שווערער, **בפרט פאר מענטשן וואָס עס פאַלט אויף זיי זייער שווער אויב זיי האָבן נישט קיין סטרוקטור.** מ'זאָגט פאַר'ן מענטש: "יעצט פריי זיך מיט'ן רבוש"ע", אָבער מ'קען דאָך נישט הערן קיין מוזיק, ס'איז יום טוב, **וויאַזוי זאָל איך זיך פרייען מיט'ן רבוש"ע?** אינעם קליינעם ביהמ"ד בין איך נישט אַזוי באַקוועם, איך קען נישט די מענטשן דאָרט. ביי די גרויסע הקפות האָב איך נישט קיין חשק צו שטיין אויף די פּאַרענטשעס...

### אפילו אַ מינוט לעכטיגקייט

מען פאַרשטייט זייער גוט דיין שוועריגקייט, אָבער דאָס מיינט נישט אַז דו דאַרפסט פאַרלירן דעם גאַנצן יום טוב! לאָמיר פאַרשטיין אַז ווען אַ איד איז צוגעקומען צו אַ געוויסע געפיל, צו אַ נקודה פון נאָנטקייט, אפילו אויף עטליכע מינוט, **האָט ער זוכה געווען צו שפּירן דעם יום טוב!**

די גדר פון 'מצליח געווען' און אויסגענוצט דעם יום טוב, מיינט נישט אַז יעדן מינוט פונעם טאָג האָסטו געוואוסט פּונקטליך וואָס דו גייסט טון; קיינער האָט דיר נישט געשטערט; דו ביזט געווען אין די 'מוחין' אַגאַנצן צייט; און דו האסט ממש נישט געוואוסט וואָס טוט זיך מיט דיר פון גרויס דביקות. אוודאי ביי צדיקים איז דאָס אַזוי געווען, אָבער אונז פּשוט'ע אידן

קענען זיך אויך פרייען מיט'ן רבוש"ע אין אַזאַ הייליגן טאָג.

## ער לערנט פּאָר שיעורים שמח"ת אינדערפרי'...

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ער איז זייער אַ טעכנישער און מסודר'דיגער סאָרט כאַראַקטער. די אַלע געפילישע הרגשים זענען נישט ממש זיין זאַך... ס'איז נישט בלויז ער, נאר ס'גייט שוין מיט דריי דורות אויף צוריק, זיין טאַטע מיט זיין זיידע זענען שוין אַזוי געווען. זיין משפחה זענען נישט קיין גרויסע בעלי רגש. עס אַרבעט נישט ביי זיי...

דער מענטש האָט אַ קביעות אַז ער זאָגט טעגליכע שיעורים יעדן טאָג. ער גייט פון איין שול צום אַנדערן שול און ער זאָגט שיעורים. דער ערשטער שיעור איז פינף אַזייגער פּאַרטאָגס, דאַן זאָגט ער נאָך אַ שיעור האַלב אַכט ביי אַן אַנדערן מנין, א.א.וו. דער מענטש האָט אַ געוואַלדיגע סטרוקטור. זיין טאָג איז פונקטליך מסודר. ער ווייסט גענוי יעדע שעה וואו ער איז און וואָס ער טוט. ס'איז אַלעס זייער קלאָר.

אַצינד קומט אָן שמחת תורה, און 'דף הקהלה' איז דאך 'דף הקהלה'. שמחת תורה איז ביי אים די זעלבע ווי יעדן טאָג. וואָס דען זאָל ער טון? יעצט לערנט מען מעילה דף ח'. ס'איז פונקט גוט אויסגעקומען אַ קליין בלאַט אויף שמחת תורה. ער גייט אַרום פון איין מנין צום צווייטן און ער לערנט זיין בלאַט. אַזוי ענדיגט ער דעם טאָג שמחת תורה און ער איז מורא'דיג צופרידן.

## אַ 'געסעטלטע' יום טוב...

אוודאי קען מען נישט אוועקמאַכן אַז אַ איד האָט געלערנט, ער האָט מזכה געווען אַנדערע מענטשן צו לערנען. ס'איז נישטאָ קיין שענערע זאַך ווי דעם, אָבער **וואָס איז די סיבה פאַרוואָס ער איז צופרידן? ווייל ברוך ה', ער האָט געהאַט אַ מסגרת.** צי ער האָט געפּראַוועט שמחת תורה אַלס 'שמחת התורה'? נישט זיכער. אָבער **בעיקר איז ער צופרידן אַז ער איז נישט צערודערט.** ער זאָגט: "איך קען נישט זיין פאַרנומען מיט מיינע קינדער. איר קענט מיר שוין... מיין שוואָגער זאָל נעמען מיינע קינדער טאַנצן מיט די ספרי תורות, איך קען נישט. דער דף איז מיין שיעבוד החיים... ער עסט זיך אָפּ פרי די סעודה. ער לייגט זיך שלאָפן שמחת תורה צען אַזייגער ביינאַכט, ווייל ער טוישט נישט זיין סדר היום, ער האָט שוין אויסגע'חשבונ'ט וואו ס'איז דער פריעסטער מנין וואָס דאַוונט גליך ביים שקיעה און מען מאַכט דאָרט הקפות אין פיר מינוט, און ער האָט עס באַוויזן...

דאָס זעלבע איז שמחת תורה אינדערפרי'. ער האָט זיך זיין מנין, מ'גיבט אַ זאָג אָפּ אַלעס און מ'האָט געענדיגט. ער איז אַזוי פרייליך אַז ער האַלט שוין דערנאָך... ער האָט אַזוי הנאה צו זען די פאַרפּלאָנטערטע מענטשן וואָס שטייען מיט'ן טלית עלף אַזייגער. ער קוקט זיי אָן מיט אַזאַ ביטול און זאָגט פאַר יעדן וועמען ער טרעפט: "איך האַלט שוין נאָך די סעודה, איך האָב שוין געכאַפּט אַ דרימל"... ער זיצט זיך רואיג אין ביהמ"ד פינף אַזייגער נאָכמיטאָג און לערנט אור החיים הק' אויף פּרשת בראשית... ער איז פרייליך... אָבער ס'מיינט נישט אַז ער האָט מצליח געווען צו משיג זיין דעם שמחת תורה.

פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַ איד וואָס וויל יאָ האָבן אַן אמת'ע שמחת תורה, אָבער **ער האָט נישט קיין קלאָרקייט וויאַזוי דאָס צו באַווייזן.** ס'איז נישטאָ קיין זייגער און ס'איז נישטאָ קיין שום סדר. "זאָג מיר כאָטש אַז מ'דאַרף מעביר סדרה זיין צוריקצוואוועגס תשר"ק. אַזוי וועל איך נאָך פיר שעה שפּירן אַז כ'האָב עפּעס אויפגעטון"... דאָס איז איינס פון די סיבות פאַרוואָס מענטשן מאַכן קידוש מיט אַזאַ אויפגעלייגטקייט נאָכדעם וואָס זיי האָבן געהאַט אַן עליה, ווייל **סוף כל סוף איז דאָ איין זאַך וואָס מ'דאַרף יאָ טון שמחת תורה; מ'דאַרף עולה זיין**, און דאָס האָב איך געטון! "איך האַלט שוין נאָכדעם, איך האָב אַ שטיקל סטרוקטור. איך האָב געהאַט מיין עליה". ער עסט שוין... ווען אַ מענטש ווייסט וואָס ער האָט צוטון, און ער טוט עס, שפּירט ער זיך באַפרידיגט.

דער אמת איז אָבער, אַז שמיני עצרת איז דאָ אַזאַ אור פון קרבת ה' וואָס יעדער איד קען אָנקומען דערצו. **ס'איז 'קרוב אליך הדבר מאוד, בפיך ובלבבך לעשותו'!** ס'איז נישטאָ קיין צורה וויאַזוי ס'דאַרף דוקא געטון ווערן. פאַרקערט, שמיני עצרת איז מער פון די געוועגליכע כלים. יעדער איינער קען אַליין פּראַוון די הבנה ווי נאָנט ער איז מיט'ן רבוש"ע. כאָטש אַביסל צייט קען ער זיין פרייליך מיט'ן שייכות וואָס ער האָט מיט'ן אויבערשטן.

## אַרויסברענגען די נאָנטקייט בויעט שטאַרקער דעם קשר

דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אין דער בריאה אַ מציאות, אַז **ווען איינער ברענגט אַרויס פאַר אַ צווייטן ווי שטאַרק ער פריידט זיך מיט יענעם, ברענגט דאָס אַ שטאַרקערן קשר צווישן זיי ביידע.**

דאָס פּאַסירט סיי אויב דער מענטש זאָגט עס אַרויס, סיי אויב ער ווייזט עס אַרויס מיט אַ שמייכל אָדער מיט אַ מתנה, און סיי דורך יעדע סאָרט וועג וואָס ברענגט אַרויס אַז "איך האָב הנאה צו האָבן אַ שייכות מיט דיר, איך האָב הנאה פון אונזער קשר" - **דאָס אַליין בויעט זייער שטאַרק אויף די אהבה.** עס מאַכט אַז מ'זאָל בעסער שפּירן דעם קשר, און אַז מ'זאָל נאָכמער אַרויסברענגען ווי פרייליך מ'איז מיט די אהבה, און אַזוי גייט טיפער און טיפער.

## קעגנזייטיגע אויסדרוקן פון אהבה

אַזוי זעט מען טאַקע אין **די הייליגע פּסוקים פון שיר השירים**, וואו כנסת ישראל מיט'ן אויבערשטן זענען כביכול משבח איינער דעם צווייטן. דער רבוש"ע לויבט אויס די מעלות פון אידישע קינדער, און אידן לויבן דעם אויבערשטן. אַזוי איז אויך ביי די תפילין: אונזערע פּרשיות פון תפילין זענען פול מיט שבחים אויפ'ן רבוש"ע, און די תפילין פונעם רבוש"ע זענען די שבחים פון אידישע קינדער, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ו, ב) 'הני תפילין דמרי עלמא מה כתיב בהו, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, וכו'".

תפילין איז אַ לשון פון זיך באַהעפטן. **מען בינדט זיך צו**, נישט בלויז דורכדעם וואָס מ'רעדט וועגן די מעלות, **נאר דורכדעם וואָס מ'ברענגט אַרויס ווי שטאַרק מ'האָט הנאה פון דעם קשר**, כביכול.

אין די תפילין פונעם רבוש"ע זענען דאָ די פסוקים פון פּרשת כי תבא: **'את ה' האמרת, וה' האמירך, להיות לו לשם ולתפארת ולתהלה'.** דער רבוש"ע ברענגט אַרויס כביכול מן ההעלם אל החוץ - אויף אַ דרגא וואָס איז העכער פון אונזער פאַרשטאַנד - **די הנאה וואָס ער האָט צו זיין נאָנט מיט אידן.** כאָטש די אהבה איז דאך סייווי דאָ, אָבער ער וויל עס אַרויסברענגען אַז ס'זאָל זיין 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך', און אַזוי טוען מיר אויך פון אונזער זייט מיט אונזערע תפילין.

דאָס זעלבע שטייט אַ איד יום כיפור און ער זאָגט 'האדרת והאמונה לחיי העולמים' - דאָס איז בעצם אַ שבח פון מלאכים, אָבער **יום הקדוש איז דער איד אַזוי הויעך, אַז ער לויבט דעם אויבערשטן מיט'ן שבח המלאכים.** און כביכול דער רבוש"ע זאָגט דעם שבח פון 'על ישראל גאוותו, על ישראל אמונתו'. דער רבוש"ע זאָגט צוריק כביכול: "דו ווייסט נישט וואָס הייסט אַ איד, איך וועל דיר פאַרציילן וואָס אַ איד איז, און דערפאַר האָב איך דיר אויסגעקליבן. דיינע רצונות פון אינעווייניג זענען אַזוי הייליג, דיין געטריישאַפט צו מיר איז אַזוי שטאַרק, דיין קדושה איז אַזוי הויך, און דערפאַר האָב איך דיר ליב. איך טראַכט פון דיר שטענדיג, טראָץ אַלעס אַרום. ס'איז נישט קיין חילוק אַלע אַרומיגע מעשים, די פּנימיות'דיגע ליבשאַפט בלייבט אַגאַנצן צייט."

## שמחת תורה איז 'עוז וחדוה במקומו'

אָט דאָס שפּילט זיך אָפּ יעדן שמיני עצרת! **חז"ל** זאָגן (חגיגה ה, ב) אַז דער אויבערשטער וויינט כביכול במסתרים אויפ'ן חורבן בית המקדש, פרעגט די גמרא אַז ס'שטייט דאך 'עוז וחדוה במקומו'? ענטפערט די גמרא: 'לא קשיא הא בבתי גואי הא בבתי בראי'. **רש"י** לערנט אַז דאָס געוויין איז אין די בתי גואי - אינעווייניג, און דער 'עוז וחדוה במקומו' איז אין די בתי בראי - אינדרויסן.

האָבן צדיקים געזאָגט אַז **שמחת תורה פּראַוועט מען די שמחה פון 'עוז וחדוה במקומו'** ווי מ'זעט אַז אַגאַנץ סוכות ביי די הושענות איז די ספר תורה אינעווייניג ביי דער בימה און מיר גייען אַרום דעם בימה, אָבער **שמחת תורה ביי די הקפות טאַנצט מען צוזאַמען מיט'ן ספר תורה אינדרויסן, אַרום די בימה**, ווייל ס'איז אַ זמן און ווען מען פּראַוועט דעם עוז וחדוה במקומו'דיגן שייכות מיט'ן רבוש"ע! יעצט איז דאָ די שמחה פון בתי בראי! ס'איז דאָ אַלע סאָרט זמנים דורכאויס דעם יאָר, און שמחת תורה איז דער זמן פון מיטהאַלטן נאר דעם חלק פון 'עוז וחדוה במקומו'.

## שמחת תורה דרוקט מען אויס אונזער שמחה

שמחת תורה איז אַ טאָג פון 'יחודא שלים', ווען אונזער שייכות מיט'ן אויבערשטן איז אַזוי אָפן און קלאָר, אויף די העכסטע דרגא. **דעריבער פּייערן**

**מיר אין דעם טאָג אַט די נאָנטקייט וואָס מיר האָבן מיט'ן רבוש"ע**, וואָס איז אויף גאָר אַ טיפן אופן, טיפער ווי יעדע סאָרט שייכות וואָס איז דאָ בכלל אויף דער וועלט.

שמחת תורה טוט מען אַזעלכע פעולות וואָס ברענגען אַרויס די געוואַלדיגע הנאה און שמחה אַז **"איך האָב דעם רבוש"ע"**. דער שטאַרקסטער וועג וויאַזוי דער איד קען דאָס טון איז **ווען ער נעמט אַרויס דעם ספר תורה און ער טאַנצט דערמיט:** "איך בין פריילעך אַז איך בין אַ איד! איך בין פריילעך אַז דער גרויסער בורא כל עולמים, וואָס פירט די גאַנצע וועלט, ער וויל מיר האָבן!"

דאָס גיט דאָך אַזויפיל נחמה פאַר יעדן איד. אפילו איינער וואָס האָט חלילה פאַרלוירן אַלעס, זיין שטוב, זיינע חברים, זיינע נאָענטסטע, ער איז צעבראָכן, זייענדיג עלנד אַליין, און ער האָט געהאַט אַ צעשעטערטן סוכות, אָבער **ווען זיין נשמה וואָלט געהערט און געקענט אָנטאַפּן דעם אמת'ן מציאות אַז דער רבוש"ע טראַכט וועגן אים**, דער רבוש"ע האָט אים ליב און דאגה'ט פאַר אים, וואָלט דער מענטש געווען אַזוי פריילעך! דאָס איז דאָך דער אמת! דער אויבערשטער האָט אונז געזאָגט: "אין דעם טאָג פון שמיני עצרת זאָלסטו טון וואָס דו קענסט צו פּראַווען דעם אמת".

ג

# נגילה ונשמחה בך; די אהבה וואָס גיסט זיך שמחת תורה שטעלט אין שאָטן אַלע זייטיגע פּראָבלעמען

## די חסרונות לאָזן נישט זיין פריילעך

דער גרעסטער אָפּהאַלט וואָס לאָזט נישט אַ איד פּראַווענען אַ פריילעכן שמחת תורה, איז **ווייבאַלד זיין האַרץ מיט זיינע געפילן זענען צוגעבינדן צו די חסרונות וואָס ער האָט אין לעבן.** ער וויל זיך פרייען, אָבער ער איז ממש ווי צוגעבינדן מיט אַ שטריק. דעם מענטש'נס האַרץ איז צוגעבינדן צו זיינע חסרונות און צו זיינע ווייטאָגן, און דאָס לאָזט אים נישט גיין צו שמחה.

ער וויל זיך פרייען אַז ער איז אַ איד, אָבער גלייך קומט אַרויף דער געפיל: "יאָ, אָבער דאָס איז דאָך אַ חלק פונעם פּראָבלעם. וויאַזוי קוקט אויס מיין אייגענע 'איד'?... וויאַזוי איז דורכגעגאַנגען מיין סוכות? בקיצור, לאָמיר בעסער נישט רעדן. לייג נישט קיין זאַלץ אויף די וואונדן... כ'בין אויפגעשטאַנען שפּעט און כ'בין נישט געווען בשמחה. היי-יאָר האָב איך סתם אַזוי נישט געהאַט קיין געהעריגע שמחת בית השואבה, און כ'האָב נאָך געהאַט עטליכע נסיונות מיט פּרשה'לעך"... **זיין האַרץ איז די גאַנצע צייט צוגעבינדן צו זיינע חסרונות און צו די זאַכן וואָס קלאַפּן נישט.** דאָס לאָזט אים נישט זיין בשמחה.

## ס'קומט נישט דאָ אַריין קיין חסרונות...

וואָס איז אָבער דער אמת? דער אמת איז, אַז שמיני עצרת געפינט זיך דער איד **אויף אַזאַ היכן אָרט וואו ס'פאַרנעמט בכלל נישט קיין פּלאַץ די אַלע חסרונות וואָס זענען נאָר דאָ אויף דער וועלט**, סיי חסרונות פון גשמיות און סיי חסרונות פון רוחניות.

שמיני עצרת איז מען אין אַ פּלאַץ וואו ס'איז **דאָ נאָר דער איד מיט'ן רבוש"ע כביכול.** דער איד איז אויף אַ מקום פון די גרעסטע דביקות און יחודא שלים, וואו דער אויבערשטער האָט אים ליב מיט אַ געוואַלדיגע אהבה און שמחה. אָט **דער פּלאַץ איז אַזויפיל העכער פון סיי וועלכן ענין פון חסרון.** דער חסרון איז פשוט מינדערוויכטיג און נאַריש כלפּי די גרויסע אהבה.

דאָס איז אַזוי ווי איינער וואָס האָט געוואונען עטליכע מיליאָן דאָלער, אָבער ער איז זייער צעבראָכן און צעשאָסן, ווייל ער איז געגאַנגען ערגעץ און ער האָט פאַרגעסן זיין טלית ותפילין, און ער דאַרף עס צוריקגיין נעמען... **ס'איז בכלל נישט אין פּראָפּאָרציע!** צומאָל הערט מען קינדער שמועסן וועלכע יום טוב זיי האָבן דאָס מערסטע ליב, און זיי זאָגן קינדערישע סיבות, "חנוכה איז מיין בעסטער יום טוב" צוליב עפּעס אַ שטות... **די אַלע חסרונות זענען אַזוי קליין און נישטיג, אין פאַרגלייך צו די גרויסקייט פון די אהבה וואָס גיסט זיך אין אַזאַ טאָג ווי שמיני עצרת.** דער חסרון קומט נישט דאָ אַריין בכלל, אדרבה, מיט דיין אהבה קען מען זיך אויך אויסבעטן אַז ס'זאָל שוין נישט זיין קיין חסרון.

## מסיח דעת זיין פון אַלע דעטאַלן

ס'איז אַ גרויסער שאָד ווען אַ איד קען נישט שפּירן די אהבה אום שמחת תורה, **ווייל ער איז פאַרנומען מיט זיינע תשוקות,** צי אויף גשמיות'דיגע זאַכן, צי אפילו אויף רוחניות'דיגע זאַכן.

אַמאָל קענען זיין **קליינע טעכנישע דעטאַלן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון שפּירן די אהבה.** ער האָט נישט וואו צו שטיין אין ביהמ"ד; ער האָט נאָכנישט מחליט געווען פונקטליך וויפיל אַזייגער צו מאַכן די סעודה; ער איז נישט מסודר מיט דער משפּחה, און די עטליכע פּרטים פאַרדרייען אים דעם מח.

אַ איד דאַרף מחליט זיין ביי זיך אַז ס'האָט נישט קיין שום פשט אַז די קליינע פּרטים זאָלן אים יעצט שטערן. **די עבודה פונעם יום טוב איז צו מסיח דעת פון די אַלע אַרומיגע זאַכן,** ווי וויכטיג ס'זאָל נאָר זיין. מען איז זיך נאָר מתבונן אין די אהבת ה' און מ'ברענגט אַרויס אונזער שמחה. מ'קען זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים וואָס רעדט וועגן דעם שבח פון תורה; מ'קען טאַנצן און אינזין האָבן די ווערטער 'אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו ורצית בנו, ורוממתנו מכל הלשונות, וקדשתנו במצותיך, ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת'; מ'קען זיך פרייען מיט די ווערטער: 'תורת ה' תמימה משיבת נפש'. שמחת תורה איז אַ צייט ווען **דער איד פריידט זיך מיט וואָס ער האָט יאָ,** און ער לייגט אין דער זייט אַלע זאַכן וואָס ער האָט נישט. **די אַלע חסרונות זענען היינט בכלל נישט נוגע.**

## יעצט איז נישט די צייט!

ס'מאַכט זיך אָפט אין אַ אידישע שטוב פרייטאָג צונאַכטס ביי קידוש, אַז דער טאַטע האַלט דעם בעכער אין דער האַנט, די גאַנצע משפּחה שטייט שוין אַרום דעם טיש שטילערהייט, און אַ קליין קינד רופט זיך אָן: "אוי, איך האָב איבערגעלאָזט מיין שפּילצייג ביי יענעם", אַלע צעלאַכן זיך, פאַרוואָס? **ווייל יעצט אינמיטן קידוש קומט נישט אַריין די קינדערישקייטן.**

שמחת תורה קומט נישט אַריין די קטנות'ן. ס'קומט נישט אַריין היינט די אַלע זאַכן! ווי טיף און ווי ווייטאָגליך דיין חסרון זאל נאר זיין, איז עס אָבער 'קטנות שבקטנות' כלפּי די הבנה וואָס דאָס מיינט אַז "דו ביזט אַ איד", און כלפּי ווי שטאַרק דער רבוש"ע זאָרגט זיך פאַר דיר און איז מטפּל מיט דיר. **נוץ עס אויס! ס'איז אַ מורא'דיגע געלעגנהייט,** ווייל אין דעם טאָג גייט אַרויס די אהבה 'מן ההעלם אל הגילוי'.

ס'איז יעצט דאָ אַן אתערותא דלעילא אַז דו זאָלסט קענען שפּירן! אויב דו טוסט געוויסע פעולות קענסטו עס מיטהאַלטן. אויב אַזוי, **האַלט זיך פאַרנומען מיט די פעולות, און לאַך זיך אויס פון אַלע אַרומיגע זאַכן!**

## ס'גייט מיר גאָרנישט אָן...

כ'האָב אַמאָל גערעדט מיט אַ איד וואָס האָט געבויעט און זיך אַריבערגעצויגן צו אַ נייע דירה. ווען מ'ציעט זיך אַריבער צו אַ נייע דירה, זענען דאָ הונדערטער פּרטים וואָס מ'דאַרף ווערן פאַרנומען דערמיט. איין זאַך איז נאָכנישט אָנגעקומען; די צווייטע זאַך איז אָנגעקומען, אָבער ס'איז געווען די אומריכטיגע; און אַ דריטע זאַך איז אויסגעקומען אַן אַנדערע קאָליר ווי מ'האָט געוואָלט.

דער פּראָבלעם איז נאָר, אַז דאָס אַרבעט ווי אַ קייט-רעאַקציע. מאָנטאָג דאַרף אָנקומען אַ באַשטעלונג, כדי אַז מיטוואָך זאָל קענען קומען דער בעל מלאכה, א.א.וו. ס'איז אַ לאַנגע קייט פון צענדליגער זאַכן וואָס זענען פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער. ווייל אויב דער באַשטעלונג פון מאָנטאָג איז נישט אָנגעקומען, דאַרף מען אָפּשטופּן דעם בעל מלאכה פון מיטוואָך... און למעשה מוז ער שוין אַרויסגיין פון זיין יעצטיגע דירה... אַזוי טוט זיך אַ ים פון טרדות.

האָט מיר דער איד געזאָגט, אַז פאַר'ן זיך

אַריבערציִען צו דער נייער דירה האָט ער געמאַכט איין פעסטע החלטה: "**עס גייט מיר גאָרנישט אָן!** ס'איז מיר נישט קיין חילוק אויב זאַכן האָבן זיך יאָ אָדער נישט אויסגעאַרבעט, איך נעם אַלעס לייכט, אַלעס איז גוט און פיין. עס מוז גאָרנישט זיין 'דוקא אַזוי'... ס'איז יאָ אָנגעקומען, ס'איז נישט אָנגעקומען, די קאָליר, יענע קאָליר, מאָרגן, נעכטן. איך **דאַרף גאָרנישט!** איך דאַרף אויך נישט אַריינגיין אויף פסח, מ'וועט מופן ווען דאָס הויז וועט זיין גרייט"... דאס האָט אים געהאַלטן רואיג דורכאויס די גאַנצע תקופה!

## אהבה מקלקלת את השורה

ס'איז זייער גוט צו געדענקן דעם כלל ווען ס'קומט שמחת תורה: "היינט איז אַלעס גוט, אַלעס איז פיין און געוואַלדיג. עס גייט מיר גאָרנישט אָן". אייגנטליך איז דאָס נישט סתם אַ פּראַקטישע עצה, נאר **דאָס איז דער מהות פונעם טאָג!** דאָס איז דאך די פּשוט'ע טייטש פון 'אהבה מקלקלת את השורה', אַז ווען ס'איז דאָ אהבה קומט נישט אַריין די געווענליכע 'שורת הדין'. "איך האָב טאַקע געוואָלט אַז ס'זאָל זיין אַזוי, און למעשה איז געווען אַנדערש, **אָבער ס'גייט מיר נישט אן**, ווייל איך בין איבערגענומען פון אהבה!"

דער מענטש האָט אָנגעזאָגט פאַר אַלע זיינע פאַרהייראַטע קינדער אַז "מען גייט מאַכן די סעודה אַזויפיל אַזייגער", און ער האָט אַ שטאַרקע סיבה דערצו, ווייל ער קען זיך נישט ערלויבן אַז יעדער זאָל קומען אַנדערע צייטן. און וואָס מיינסטו? ס'איז געווען אַ סיבה פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק אָנגעזאָגט... אַזוי איז טאַקע געווען. **קיינער איז נישט אָנגעקומען אין צייט**... יעצט איז דאָ אַ צעמישעניש. דאָס עסן איז קאַלט, דאָס עסן איז הייס, זיין טאָג איז אינגאַנצן פאַרדרייט געוואָרן.

ער האָט אָנגעזאָגט זיין יונגל צו שטיין אויפ'ן זעלבן פלאַץ ביי די הקפות, למעשה איז דאָס קינד אַוועקגעגאַנגען און **דער טאַטע איז געווען פאַרנומען אַ שעה צייט אים אויפצוזוכן אינמיטן די הקפות...**

מ'קען מחליט זיין נאָך פאַר יום טוב אַז "עס גייט מיר גאָרנישט אן!" ווייל ס'איז אַ טאָג וואָס איז העכער ווי אַלעס, ס'איז אַ טאָג פון 'אהבה מקלקלת את השורה'. וואָס איז אַ חילוק וויאַזוי איך טאַנץ? איך זוך נישט די סאָרט אופן און איך זוך נישט יענע סאָרט אופן. די אַלע ענינים פון שמחת תורה זענען דאָך מנהגים, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן בלויז כדי אויסצודרוקן אהבה און שמחה צווישן דעם רבוש"ע מיט'ן איד, אויב אַזוי, **זע אַז די מנהגים זאלן דיר נישט שטערן פון פראַוועון די שמחה פונעם טאָג!**

## ווען אַ חומרא איז אַ סתירה צו הלכה

כ'האָב אַמאָל געהערט פון אַ גרויסן מחנך וועלכער האָט מסביר געווען אַ ריכטיגע געדאַנק, אַז געווענליך דאַרף מען מחנך זיין די קינדער אַז **ס'איז דאָ די הלכות**, און ס'איז אויך דאָ **גדרים וסייגים און הידורים** וואָס זענען פונקט אַזוי וויכטיג. אַמאָל פרעגט דאָס קינד: "אָבער ס'איז דאָ אַנדערע מענטשן וואָס פירן זיך נישט אַזוי?", קען מען אים געבן צו פאַרשטיין פאַרשידענע הסברים: ביי אונז האָט מען יאָ מקפיד געווען אויף דעם ענין; ס'שטייט אין פסוק אַז מ'דאַרף זיך פירן 'לפנים משורת הדין'; חומרות און הידורים ברענגען אַרויס די אהבה וואָס מ'האָט צום רבוש"ע; אויב מ'מאַכט נישט די גדרים וסייגים, פאַלט מען שפּעטער דורך מיט דער הלכה אַליין. א.א.וו.

צומאָל איז אָבער דאָ אַ יוצא מן הכלל, אַ קינד וואָס האָט ליידער נישט קיין לייכטער נפש. זיין נשמה האָט אַ ספּעציעלע מהלך אַז ס'דאַרף דורכגיין באַזונדערע נסיונות, און יעצט שטייט מען ביי אַ סיטואַציע אַז אויב די עלטערן גייען זיך שטאַרק שטעלן אויף געוויסע חומרות, **גייט דאָס ערוועקן ביים קינד אַ טיפע געפיל פון 'אַנטי' אַז ער זאָל חלילה שטויסן אויך די הלכה.** ס'איז הונדערט פּראָצענט קלאָר אויב דו גייסט זיך יעצט בייזערן און אַמפּערן מיט'ן קינד: "איך האָב דיר געזאָגט, ביי מיר אין שטוב טוט מען אַזוי און אַזוי" דעמאָלט גייט עס ברענגען אַ פאַרקערטע רעאַקציע.

אין אַזאַ פאַל דאַרף מען מאַכן דעם פּשוט'ן חשבון: **די גדרים וסייגים זענען דאָך נאר באַשטימט געוואָרן כדי אָנצוהאַלטן און אָפּהיטן די הלכה.** די גאַנצע תכלית פון די חומרות והידורים איז נאָר אַז די הלכה זאָל בלייבן. איז דאך זיכער נישט אויסגעהאַלטן צו נוצן בידים די הידורים און חומרות אַלס אַ מיטל אַז די הלכה זאל חלילה אויך נישט בלייבן! "יאָ, אָבער ער איז פּורץ גדר"... דאַרף מען טאַקע רעדן דערוועגן מיט די אַנדערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָפּלערנען. אָבער אויב מ'האַלט שוין ביי אַזאַ מצב אַז זיך שטעלן אויף גדרים וסייגים מאַכט 'אַנטי דת', דעמאָלט איז עס דאך פאַרקערט, **דורכדעם וואָס דו שטעלסט זיך נישט דערויף, מאַכסטו די בעסטע גדרים וסייגים אַז דאָס קינד זאָל בלייבן היטן די הלכה בעז"ה.**

## די מנהגים קענען נישט זיין אַ סתירה צו שמחה

דער זעלבער געדאַנק איז אמת לגבי שמחת תורה. די איינציגע מצוות היום איז וואָס עס שטייט אין פּסוק: "עצרת תהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו". **אויב דו האסט נישט געטון קיין מלאכה האָסטו מקיים געווען דעם יום טוב.** דאַן איז דאָ אַסאַך הייליגע מנהגים און ענינים וואָס זענען געמאַכט געוואָרן כדי אַרויסצוברענגען די שמחה פונעם טאָג. אָט די אַלע פּרטים, וויאַזוי מ'זאָל טאַנצן די הקפות, וויפיל אַזייגער, ווען מ'זאָל מאַכן די סעודה מיטל-נאַכט, וכדו', דאָס זענען אַלעס מנהגים, וואָס האָבן איין תכלית: **צו קענען דורכדעם שפּירן די דביקות און שמחה פונעם יום טוב.**

אויב דו טרעפסט זיך אינמיטן שמחת תורה אַז דו ביזט אַן אויסגעדראָשענע שמאַטע, אויב דו ביזט ברוגז און געַרעגט אויפ'ן יום טוב ווייל ס'אַרבעט נישט מיט דיין נפש, **דעמאָלט מיינט עס אַז עפּעס טוסטו נישט ריכטיג.** זיי מחליט אַז "ס'איז גוט און ס'איז פיין וויאַזוי דער טאָג שטעלט זיך אויס. ס'איז אַזאַ הייליגע טאָג וואָס איז העכער ווי די אַלע אַרומיגע זאַכן." דער אויבערשטער האָט אונז נישט געגעבן קיין שום מצוות אין דעם טאָג, ווייל דער עיקר איז זיך צו פרייען מיט'ן רבוש"ע, אויף סיי וועלכן אופן וואָס דו קענסט זיין פריילין!

## דער עיקר איז: זיין דערהויבן

בדרך צחות קען מען זאָגן אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס זייער 'זמן שמחתינו' איז ווען זיי זענען ברוגז און זיי בלאָזן אויף דער גאַנצער וועלט. אפשר האָבן זיי אַ היתר דערצו... אָבער דער אמת איז, אַז אַ מענטש דארף וויסן "וואָס וויל איך היינט טון". שמחת תורה טוט מען נישט עפּעס וואָס איז פאַרבינדן מיט אַ געוויסע 'פּלאַץ', אָדער עפּעס וואָס איז פאַרבינדן צו אַ געוויסע 'צייט', **מען טוט עפּעס וואָס האָט צוטון מיט אונזער 'נפש'.** מען פריידט זיך מיט'ן אויבערשטן!

ווען א איד פאַרשטייט דאָס, איז ער מחליט: "עס גייט מיר נישט אן יעצט די אַרומיגע זאַכן. ס'גייט מיר נאר אן איין זאַך: **איך וויל זיך פרייען מיט'ן רבוש"ע**". ער טאַנצט וויאַזוי ס'קומט אים אויס, אַליין אָדער מיט אַ צווייטן; ער זאָגט אַ קאַפּיטל תהלים פון הודאה; אָדער לערנט ער, און אַזוי פריידט ער זיך מיט דער תורה, (ווי מ'האָט פריער דערמאַנט דעם איד מיט'ן דף היומי שיעור) **אויב דאָס לערנען מאַכט אים פריילין, זאָל ער דאָס טון.** וואָס איז די אַנדערע אָפּציע? צו זיין ברוגז און נערוועז? דאָס איז זיין אויסדרוק אַז ער האָט שייכות מיט'ן אויבערשטן, נאָר ער זאָל זיין נזהר פון לערנען שלא לשמה. אויב מען לערנט אָן צו אינזין האָבן אַז "איך לערן ווייל איך האָב אַ נאָנטקייט מיט השי"ת", איז דאָס סתם אַ נאַרישקייט.

ווען דו זיצסט און לערנסט טראַכט אַריין: "איך האָב אַ רבוש"ע, איך קען לערנען זיין תורה". **זיי פריילין מיט'ן אויבערשטן!** ברענג אַרויס - אויף וועלכע וועג דו ווילסט - דיין הנאה איבער דעם שייכות וואָס דו האסט מיט'ן רבוש"ע.

## טרעפן די אייגענע התרגשות

שמחת תורה זענען דאָ די הייליגע פיוטים און ניגונים, וואָס מ'זעט ממש ווי די מחברים גייען אַרויס פון די כלים: 'מפּי קל יבורך ישראל', 'אין סגולה כתורה', **ס'איז דאך אַזעלכע וואַרימע ווערטער!** זאָג עס אַליין. ווארט נישט אין ביהמ"ד ביז איינער זאָל עס זינגען. זינג עס שטילערהייט פאר דיר, טאַנץ עס אויס. האָסטו דען אַ השגה ווי נתרגש דו קענסט ווערן ווען דו זאָגסט אַזעלכע סאָרט דיבורים?

מ'קען לערנען די פּרשה פון וזאת הברכה: 'אשריך ישראל מי כמוך עם נושע בה''. ס'איז דאָ אַזויפיל ווארימקייט אין די פּשטות'דיגע זאַכן. **מ'דאַרף זיך נאר אַליין טרעפן און דערהערן וועלכע זאַכן קענען דיר ברענגען דעם רגש פון שמחה און דביקות.** מ'קען אויך לערנען דעם אור החיים פון קבלת התורה אָדער אַנדערע ספרים הק' וואָס רעדן וועגן די גרויסקייט פון אַ איד און וועגן די אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט צו אַ איד. **ברענג אַרויס די אהבה מכח אל הפּועל!** נאָכדעם וועט שוין אויטאָמאַטיש אַרויסקומען די טיפע בקשה וואָס מ'קען פועל'ן אין דעם טאָג.

ד

# כי זה כמה נכסוף נכספתי לראות; די זיסע בענקשאַפט נאָכ'ן שפּירן די גרעסטע נאָנטקייט

## צוויי סאָרטן תשוקות

אַלעמאָל ווען אַ מענטש בענקט צו אַ געוויסע זאַך, זענען דאָ צוויי סאָרט תשוקות. **ס'איז דאָ אַ בענקשאַפט וואָס ברענגט אַרויס דעם חלק וואָס פעלט.** למשל ווען מ'זאָגט אום יוה"כ נאָך די עבודה די פּיוטים פון 'ומרוב עונינו אין לנו לא אישים ולא אשם', ברענגט מען אַרויס אַ שטאַרקע תשוקה צום ביהמ"ק **וואָס מ'האָט נישט.** דאָס זעלבע אום תשעה באב ווען מען באַוויינט **וואָס מ'האָט ליידער פאַרלוירן.** און אויך יום טוב ווען מ'זאָגט 'ומפני חטאינו גלינו מארצינו וכו' ואין אנחנו יכולים לעלות ולראות'. די תשוקה ווערט אַרויסגעברענגט דורכדעם וואָס **מ'רעדט וועגן דעם חלק וואָס מ'האָט נישט.**

אָבער ס'איז דאָ נאָך אן אופן פון בענקשאַפט, וואָס ווערט אַרויסגעברענגט **ווען מ'רעדט וועגן דעם חלק וואָס מ'האָט יא.** יעדן שבת און יום טוב בעט מען זיך ביים אויבערשטן: 'קדשינו במצוותיך, שבענו מטובך', ווייל יום טוב ברענגט מיט זיך אַזאַ וואַרימקייט, דער איד שפּירט ממש דעם 'והשיאינו ה' אלקינו את ברכת מועדיך'. צוליב דעם איז ער משתוקק אַז **ער זאָל קיינמאָל נישט פאַרלירן דעם רגש וואָס ער האָט שוין יעצט.** ער ווייסט דאָך אַז שפּעטער קען געשען אַ חסרון, דעריבער דאַוונט ער מיט אַ געפיל פון השתוקקות אַז "הלוואי זאָל איך קיינמאָל נישט פאַרלירן די דערהויבענקייט, הלוואי זאָל איך דאָס אַלעמאָל געדענקן". דער איד האָט אַזעלכע גוטע מינוטן און ער טראַכט **"וויאַזוי קען מען דאָס אָנהאַלטן?"** דאָס איז אַ תשוקה וואָס קומט פון עפּעס וואָס מען פאַרמאָגט און מ'וויל עס נישט פאַרלירן.

## שמיני עצרת איז אַ בענקשאַפט פון לעכטיגקייט

יום טוב סוכות האָבן מירביידע סאָרט תשוקות. ביי די **הושענות** במשך די סוכות-טעג דערמאַנט מען אַ בענקשאַפט צו די זאַכן וואָס מיר האָבן ליידער נישט; מען בעט אויף די שכינה און אויפ'ן בית המקדש. בעיקר קומט דאָס צום אויסדרוק אין דעם גרויסן טאָג פון **הושענא רבה** ווען מ'איז זייער שטאַרק משתוקק אויף דעם חלק וואָס מיר האָבן ליידער נישט.

דערנאָך קומט שמיני עצרת ווען דער איד שפּירט **אַ תשוקה אויף וואָס איך האָב יאָ.** "רבוש"ע, דיין תורה איז אַזוי ליכטיג. ס'איז נישט נוגע יעצט וואָס איך האָב נישט, איך וויל בלייבן צוגעבינדן צו דיין תורה". דער איד זאָגט עס נישט מיט אַ געפיל פון ווייטאָג, נאר מיט אַ געפיל פון **"ס'איז דאך אַזוי גוט, און אויב אַזוי, וויל איך האָבן מער דערפון.** איך וויל נישט לעבן אַ ליידיגע סאָרט לעבן". אַזאַ סאָרט תשוקה ברענגט פאַר'ן מענטש אַ מורא'דיגע שמחה.

## אַ תשוקה וואָס גייט נישט צוזאַמען מיט שמחה

די ערשטע סאָרט תשוקה איז אַ שטיקל סתירה מיט שמחה, ווייל אויב תשוקה מיינט אַז "איך האָב נישט, איך בין דאָרשטיג, הלוואי קען איך האָבן יענע זאַך". **מיינט דאָס אַז "איך האָב יעצט אַ ווייטאָג".**

עס שטייט אין **ספר העיקרים** אַז די הגדרה פון שמחה איז: ווען אַ מענטש האָט געהאַט אַ רצון און ס'האָט טאַקע פּאַסירט וואָס ער האָט געוואָלט. **ווען דער מענטש'נס רצון ווערט ערפילט, ווערט ער זייער פריילעך.** "איך האָב באַקומען וואָס איך האָב אַלעמאָל געוואָלט. איך האָב געוואָלט ענדיגן ש"ס, און כ'האָב ב"ה געמאַכט אַ סיום הש"ס. ס'איז געשען!"

ווידעראום אויב דער מענטש זעט אַז זיין רצון ווערט נישט אויסגעפירט און ס'גייט שוין קיינמאָל נישט פּאַסירן, דעמאָלט פאַרלירט ער זיין האָפענונג

**מ'דאַרף זיך נאר אַליין טרעפן און דערהערן וועלכע זאַכן קענען דיר ברענגען דעם רגש פון שמחה און דביקות**

און ער ווערט טרויעריג. "איך אַרבעט שוין צען יאָר אַז כ'זאָל האָבן געלט, אָדער חברים, אָדער סטאַטוס, און יעצט זע איך אַ סתימת הגולל"... דאָס ברענגט אַ טיפע עצבות. מענטשן גייען אַריין דערפון אין דעפּרעסיע. ווייל ער האָט זיך דערזען נאָך אַזויפיל יאָרן אַז ער לויפט נאָך עפּעס וואָס גייט נישט געשען.

## אַ ווייטאָג ווען דער רצון איז נישט ערפילט געוואָרן

דאָס זעלבע איז ווען איינער האָט חלילה אַ חולה וואָס ער טוט אַלעס אויף דער וועלט אים צו ראַטעווען, ער פאָרט צו דאָקטוירים און גיבט אויס אַסאַך געלט. **שפּעטער איז דער ווייטאָג זייער גרויס**, נישט בלויז ווייל ער האָט פאַרלוירן אַ נאָנטן ח"ו, נאר ס'איז אויך דאָ אַ טיפער צער אַז ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע תשוקה "נאר דאָס זאָל נישט פּאַסירן", און ליידער איז עס יאָ געשען. **זיין תשוקה איז נישט געוואָרן ערפילט.** ער שפּירט ממש אַ הרגשה פון 'למה לי חיים'.

קומט אויס, אַז די סאָרט **תשוקה איז אַ סתירה מיט שמחה.** ווייל די תשוקה מיינט אַז "איך האָף און וואַרט אויף עפּעס וואָס כ'האָב נישט באַקומען".

ווען אַ איד האָט אַ בענקשאַפט: "איך האָב נישט קיין בית המקדש, איך האָב גאָרנישט אין גלות, הלוואי זאָל עס שוין ווערן אויפגעבויעט". ברענגט עס אַרויס אַ הייליגע השתוקקות, **אָבער למעשה איז עס באַגלייט מיט אַ ווייטאָג.**

## תשוקה וואָס קומט פון דער גרעסטער שמחה

אָבער דאַן איז דאָ תשוקה וואָס קומט פון אַ שמחה: "ס'איז דאך אַזוי גוט! היינט איז 'עוז וחדוה במקומו'! **אויב אַזוי האָב איך אַ בענקשאַפט צו בלייבן מיט דער לעכטיגקייט**, הלואי ס'זאָל גיין ווייטער און ווייטער".

יעדער האָט שוין אַמאָל געהערט ווי קינדער בעטן פון אַ בעל מספר: "דערצייל נאָך אַ מעשה". וואָס ליגט אונטער די בקשה? דאָ ליגט אַ געבעט: **"עס איז געווען אַזוי געשמאַק, איך האָב מורא'דיג הנאה געהאַט.** פאַרוואָס איז עס נישט געגאַנגען ווייטער? **דערצייל מיר נאָך אַ מעשה".** ס'איז טאַקע אַ תשוקה, אָבער ס'איז אַ תשוקה וואָס קומט מתוך שמחה.

שמחת תורה האָבן אידישע קינדער אַ טיפע תשוקה: "איך וויל בלייבן דאָ, איך וויל נישט אַוועקגיין". ווען ס'קומט שמחת תורה שפּעט נאָכמיטאָג, לעת ינטו צללי ערב, און מ'גייט אַהיים פון ביהמ"ד מיט די טליתים, וויל **דער איד אַזוי שטאַרק בלייבן דאָ.** צו וואו גייט מען אַוועק? ער וויל בלייבן מיט דעם נאָנטקייט, זיין האַרץ בענקט: "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה', איך וויל נישט פאַרלירן די געהויבנקייט". ער האָט אַ תשוקה **נישט צוליב עפּעס וואָס ער האָט נישט,** נאר **צוליב עפּעס וואָס ער האָט יא.** מ'איז דאָך אַזוי נאָנט און אַזוי אהבה'דיג. דאָס איז אַ תשוקה מיט אַ שמחה צוזאַמען.

אין דעם טאָג פון שמיני עצרת פריידט מען זיך מיט וואָס מ'האָט יאָ! דו ביזט דאָך אַ איד וואָס איז מקיים מצוות! אפילו לאָמיר זאָגן אַז דו ביזט ממש דער גרעסטער דורכפאַל, דיין גשמיות מיט דיין רוחניות זענען ממש אָנגעזעצט, אָבער **דו האסט דאך אַלעמאָל דעם רבוש"ע וואָס איז אַזוי נאָנט צו**

**דיר.** מ'דאַרף זיך צוגרייטן צום שמחת תורה דורך אַריינטראַכטן וויפיל מתנות מען האָט יאָ ב"ה.

## זיך מאַכן אַ ליסטע פון עטליכע זאַכן

גאָר אַסאַך מענטשן מוטשען זיך היינט מיט קאָנצענטראַציע. און ווען מ'זאָגט פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל טון איין זאַך ברציפות פאר עטליכע שעה, איז אים שווער צו בלייבן קאָנצענטרירט. דעריבער איז אַ גוטע עצה **אַז מ'זאָל אַליין מאַכן מערערע שינויים דורכאויס דעם טאָג**, וואָס דאָס העלפט אַז מ'זאָל זיך קענען נאָכאַמאָל אויפפרישן צו בלייבן פאָקוסירט.

מ'זעט טאַקע אַז אין אַסאַך קהלות איז דער מנהג אין די הייליגע טעג, אַז דאָס דאַווענען איז איינגעטיילט: יעצט זינגט מען אַ וואַרעמע ניגון; יעצט שטעלט מען זיך אויף; יעצט עפנט מען דעם ארון הקדוש; יעצט זינגט מען אַ שנעלן ניגון. **דאָס האַלט אָן די קאָנצענטראַציע פונעם מח.**

אין דעם טאָג פון שמיני עצרת איז טאַקע נישטאָ קיין כלים, אָבער **יעדער קען זיך אַליין מאַכן אַ רשימה פון צען זאַכן וואָס ברענגען אים אַ שמחה של מצוה.** טראַכט אַריין: "וועלכע זאַכן מאַכן מיר פריילך במחשבה און במעשה. וועלכע סאָרט פּעולות פרישן מיר אויף?" ס'איז דאך אַ שאָד סתם צו פאַרפאַטשקענען אַזאַ גרויסן טאָג.

## שמחה אין יעדן מצב - אָפּגעזען פון די אומשטענדן

מ'דאַרף זיין פריילך מיט'ן רבוש"ע אין יעדן מצב. אפילו אויב מ'איז פאַרנומען צו טראָגן און ברענגען די קינדער און וואַרטן אויף די משפּחה. נו ברוך ה'! **דאַנק אויף דעם אַליין דעם רבוש"ע,** אַז דו האסט קינדער מיט וועמען צו זיין פאַרנומען. און אויב דו האסט נאָכנישט קיין קינדער, זאָגט דער **חובת הלבבות** אין שער הבטחון אַז דעמאָלט קענסטו דאך זיכער טאַנצן אַגאַנצן צייט, ווייל דו האסט נישט ווער ס'זאָל דיר שטערן.

ס'איז אַלעמאָל דאָ עפּעס מיט וואָס מ'קען זיך פרייען. אפילו ווען איין קינד וויינט ווייל זיין שפּילצייג ספר תורה איז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך צעריסן, און דאָס צווייטע קינד וויינט אַז ער האָט נישט באַקומען אַ נאַשעריי וואָס יעדער האָט באַקומען... **פריי זיך מיט'ן רבוש"ע, נישט קיין חילוק אין די אומשטענדן.** מודה אני לפניך אשר שמת חלקי מיושבי בית המדרש! **יעצט איז נישט קיין צייט צו טראַכטן פון קיין שום חסרון.**

## די תפלה ביים זיך געזעגענען

ווען מ'געזעגנט זיך פון די הייליגע טעג איז דאָך דאָ אַזאַ נאָנטקייט, אַזאַ אהבה, און אַזעלכע געגועים, אַז **מ'האָט נישט קיין צייט צו טראַכטן פון די חסרונות.** מען גייט אַרויס פון דעם טאָג מיט אַזאַ קרבה. דער איד בעט זיך אַז ס'זאָל זיך נישט ענדיגן, ער וויל אַלעמאָל געדענקן די דערהויבנקייט. "רבוש"ע **העלף מיר, אַז איך זאָל נישט ווערן אַראָפּגעשלעפּט דורכ'ן יצר מיט שטותים פון יאוש.** איך זאָל געדענקן אַז יאוש איז נישט קיין אמת'ע זאַך, ס'איז סתם אַ שקר."

דאָס טראָפּעלע הנאה וואָס ער האָט, פון זיין שייכות מיט'ן רבוש"ע, דאָס ברענגט אים צו טאַנצן און זיך פרייען מיט'ן 'יחודא שלים'. שפּעטער ברענגט עס אַז ער זאָל קענען בעטן זיינע בקשות. דער גאַנצער מושג אַז מ'בעט אויף גשם אום שמיני עצרת, איז דאך אויך פאר דער סיבה, ווייל **אין אַזאַ טאָג קען מען אויס'פּועל'ן אַז די פּרנסה זאָל נישט שטערן פון עבודת ה'.** מ'איז מתפּלל אויף הרחבת הדעת כדי צו קענען לערנען און דינען השי"ת.

דער אויבערשטער זאל העלפן אַז מ'זאָל עס קענען שפּירן, מ'זאָל טאַקע קענען טאַנצן און זיך אמת'דיג פרייען מיט'ן רבוש"ע. ■

המשך מעמוד ח'

## נקודה למחשבה

### אַ דערמאַנונג נישט נאָכצולויפן עולם הזה

דער רבוש"ע ראַטעוועט אָבער דעם מענטש, דורכדעם וואָס ער דערמאַנט אים אַז ער זאָל נישט אַזוי ליגן אין גשמיות און ער זאָל נישט נאָכלויפן קנאה תאוה וכבוד. ער זאָל ווייטער טון וואָס ער דאַרף טון, אָ**בער ער זאָל דאָס נישט אַזוי נאָכלויפן.** ווען ער לויפט, זאָל ער לויפן צום רבוש"ע.

די בעסטע באַהאַנדלונג דערצו איז, ווען **מ'הייבט אויף דעם מענטש און מ'לייגט אים אַריין אין אַ דירת ארעי!** פאַרשטייט זיך אַז דאָס העלפט נאר ווען דער מענטש געדענקט אַרויסצונעמען דעם אור פון דער מצוה, ווי דער **שפת אמת** ברענגט (תרל"ד) אַז **דער דעת פון אַ גאַנץ יאָר קומט פון סוכות!** דעת מיינט: די ידיעות וואָס דער מענטש איז מחובר דערצו. **דער מהות פונעם מענטש קומט פון סוכות.** די מצוה פון סוכה הייבט אויף דעם מענטש, ס'לאָזט אים נישט זיין אַריינגעטונקן און צופיל צוגעבינדן צו זיין גשמיות.

### ווען מ'דאַרף אָפּטיילן אַן אומגעזונטן קשר

יעדער מענטש האָט געוויסע זאַכן צו וואָס ער איז צוגעבינדן, און אַ חלק פון די זאַכן זענען בעצם ריכטיג, ס'איז נישט אָפּגעפרעגט, דער פּראָבלעם איז נאָר ווען מ'איז געוואָרן צו שטאַרק צוגעבינדן דערצו.

למשל, ס'קען זיך מאַכן אַז אַ מאַמע האָט גאָר אַ שטאַרקן קשר מיט אַ טאָכטער, אָבער **ס'ווערט דערפון ממש אַן אומגעזונטער קשר,** עד כדי כך אַז ווען די טאָכטער האָט חתונה ווייסט נישט די מאַמע צי ס'איז אַ שמחה אָדער ס'איז אַן אבילות... דאָס איז נישט געזונט, ווייל דער רבוש"ע האָט טאַקע אויסגעשטעלט אַ נאָרמאַלן סדר הבריאה, אַז קינדער האָבן אַ נאָנטן קשר מיט עלטערן, אָבער אויב דאָס אַנטוויקלט זיך צו אַן אומגעזונטער קשר, **איז דאָס נישט גוט פארביידע.** דאָס קינד קען נישט אַלעמאָל בלייבן אונטער די מאַמע'ס פאַרטוך.

אין אַזאַ פאַל דאַרף מען אַריינמישן הילף, צו אָפּטיילן אַביסל צווישן זיי און מקיים זיין דעם 'על כן יעזוב איש את אביו ואמו'. מען פּרובירט צו רעדן און משכנע זיין, אָבער אויב דאָס העלפט אויך נישט, **דאַרף מען צומאָל אַוועקשיקן דעם יונגען פּאָרפּאָלק** אַז זיי זאָלן גיין וואוינען אין אויסלאַנד פאר אַ שטיק צייט. כידוע. מ'קען זיי נישט לאָזן דאָ וואוינען נעבן די מאַמע. ווילאַנג זיי וועלן זיין דאָ, וועט נישט טויגן, מ'דאַרף זיי אַוועקשיקן אַז זיי זאָלן זיך קענען אַליין בויען.

### מ'דאַרף אים אויפהייבן און אַריינלייגן אין אַ דירת עראי...

דער נמשל איז, ווען אַ מענטש האָט אַנטוויקלט **אַן אומגעזונטן קשר מיט גשמיות.** ס'האָט זיך אָנגעהויבן זייער נאָרמאַל און נאַטירליך, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן ממש אָפּהענגיג אויף זיין עולם הזה. אַזויווי איינער ווערט אָנגעוויזן אויף זיין חבר, ער מוז שטענדיג וויסן וואָס יענער טוט, וואָס יענער טראַכט, און וואָס יענער האַלט. אַזוי זענען דאָ מענטשן וואָס זענען ממש אָפּהענגיג אויף זייער באַנק אַקאַונט... **ער מוז נאכמאל געבן אַ בליק וואָס טוט זיך דאָרט.** איי, פאר צוויי שעה צוריק האָסטו שוין געקוקט? אָבער ער וויל עס נאָכאַמאָל זען, ער וויל מיטהאַלטן נאָכאַמאָל די נומערן וואָס שטייען דאָרט.

דער מענטש האָט שוין אפילו געהערט אַ שבת שובה דרשה, אַ יום כיפור, די עסקנים האָבן גערעדט מיט אים... אָבער דער אומגעזונטער קשר איז צו טיף, **ס'איז נישט גענוג בלויז צו רעדן.** מ'דאַרף אים געבן אַ הייב אויף און אים אַריינלייגן אין דער סוכה. **תשבו כעין תדורו!** לאָז אַביסל אָפּ דיין שטוב, לאָז אָפּ דיין מח וואָס לויפט צו נעמען חיות פון גשמיות'דיגע זאַכן.

גשמיות מיינט נישט בלויז געלט, געלט איז נאָר איינס פון די ביישפּילן. **גשמיות מיינט אויך ווען מ'איז פאַרנומען וואָס דער זאָגט און וואָס יענער טראַכט.** אַזאַ איינער וויל נעמען זיין חיות נישט פון קרבת אלקים, נישט פון אמת, נאר פון זייטיגע חיצוניות'דיגע זאַכן. **גשמיות מיינט אויך אַלע ערליי אופנים פון קנאה, תאוה, כבוד, א.ד.ג.** און מ'דאַרף טרעפן דעם מהלך וויאַזוי זיך אָפּצוטשעפּענען דערפון. נישט צו נעמען חיות דערפון.

# נקודה למחשבה

דאָס איז די עבודה וואָס דער רבוש"ע וויל פונעם מענטש. **ווען דו וועסט אַזוי טון, וועסטו אָנהויבן לעבן.** ווען דער דעת גייט אַריין אינעם מענטש, וועט ער שפּירן אַז ס'איז אים גוט, **ער דאַרף נישט האָבן די אַלע גשמיות'דיגע זאַכן.** דערנאָך קען ער שוין צוריק אַריינגיין אין זיין דירת קבע, ווייל ער איז שוין געזונט! ער איז אַריינגעטון ראשו ורובו אין תורה, עבודה, גמילת חסדים, תשובה, בטחון, און אין אַלע גוטע זאַכן וואָס אַ מענטש דאַרף זיין פאַרנומען דערמיט. ער איז געוואָרן אַ געזונטער מענטש!

## אינזין האָבן דעם טעם המצוה איז מעכב

דאָס איז די כוונת מצוות סוכה, וואָס די קדמונים ברענגען אַז מ'דאַרף אינזין האָבן.

ס'איז טאַקע זייער וויכטיג דאָס צו געדענקן במשך דעם יום טוב, אויך ווען מ'האָט שוין פאַרלוירן די התפעלות פון די ערשטע מאָל וואָס מ'איז אַריין אין דער סוכה. ס'איז שוין די דריטע אָדער פערטע טאָג חול המועד, די קינדער טאַנצן אויפ'ן קאָפּ אַז זיי האָבן נישט וואָס צו טון. דאַרף מען זיך נאָכאַמאָל דערמאַנען: **פאַרוואָס בין איך דאָ אין דער סוכה?**

דער **ב"ח** פסק'נט אַז ביי יעדע מצוה וואו די תורה זאָגט דאָס לשון 'למען' - אַזויווי ביי סוכה וואו ס'שטייט 'למען ידעו' און אויך ביי ציצית און ביי תפילין - **דאַרף מען אינזין האָבן דעם טעם פון דער מצוה** און אויב מ'האָט נישט געטראַכט דעם טעם, איז דאָס מעכב און מ'האָט נישט יוצא געווען.

## וויאַזוי קען מען מצמצם זיין די מצוה?

לכאורה איז דאָס אַ גרויסער חידוש, ווייל אין אַלע ספרים הק' זעט מען **ווי ווייט מיר האָבן נישט קיין שום השגה אין די טעמי המצוות.** פאַרקערט, איינס פון די גרעסטע יסודות איז צו מקיים זיין די מצוה ווי אַ חק. ווי באַקאַנט די מעשה פונעם **בעש"ט הק'** וואָס האָט אין די לעצטע מינוט באַהאַלטן אַלע כוונות וואָס זיין תלמיד האָט זיך אָפּגעשריבן פאר תקיעות שופר, ווייל דער עיקר כוונה דאַרף זיין 'רחמנא אמר תקעו'. אפילו ווען אַ מענטש ווייסט און לערנט אַלע טעמים און ענינים, אָבער ווען ס'קומט למעשה, **טוט ער נישט די מצוה צוליב די טעמים וואָס ער פאַרשטייט.** ער איז זיך מבטל און ער איז מקיים די מצוה כדי צו מקיים זיין דעם רצון ה'.

פאַרוואָס האָט מען ביי חסידים אַזויפיל גע'חזר'ט דעם יסוד? ווייל מ'דאַרף דערמאַנען דעם מענטש: דיין מח איז אַזוי קליין, דו האסט נישט קיין שום השגה אין די מצוות. דעריבער, **זיי נישט מצמצם די מצוה לויט דיין קליינעם שכל.** ס'איז דאך אַזויפיל העכער ווי דעם!

אויב אַזוי, ווען דער ב"ח זאָגט אַז ביי מצות סוכה איז מעכב אויב מ'טראַכט נישט דעם טעם המצוה אַז דער רבוש"ע האָט אונז געמאַכט דעם נס פון די ענני הכבוד. שטעלט זיך לכאורה די שאלה: דאָס איז טאַקע זייער אַ גוטער טעם, אָבער ווען מ'זאָגט מיר אַז איך מוז דאָס טראַכטן, **איז דאָס נישט מצמצם די מצוה?**

## אַ זאַך וואָס איז דיר נוגע, דאַרפסטו גוט געדענקן

איינער פון די פשוט'ע תירוצים דערויף איז, אַז ווען ס'קומט צו אַ זאַך וואָס איז נוגע פאר דיין אידישקייט, **מוזטו דאָס אינזין האָבן.** דאָס הייסט אַזוי: אוודאי איז דאָס נישט דער גאַנצער טעם פון דער מצוה, אָבער **ס'איז דאָ געוויסע מחשבות וואָס זענען ממש קריטיש צו געדענקן אַלעמאָל.** ווען דער רבוש"ע האָט דיר געהייסן לייגן תפילין מיט די פרשיות פון 'שמע, והיה אם שמוע, קדש, והיה כי יביאך', און ער זאָגט דיר זייער קלאָר: "איך האָב דיר עס געגעבן כדי דו זאָלסט לעבן דערמיט, דו זאָלסט עס אַלעמאָל געדענקן, זאָלסט עס צובינדן קעגן דיין האַרץ און דיין מח", דעמאָלט וויל ער אוודאי **אַז דו זאָלסט לערנען וואָס עס שטייט אין די פרשיות און דו זאָלסט טראַכטן דערוועגן.**

דער רבוש"ע האָט דאָס געוואָלט, אַז דו זאָלסט עס שטענדיג חזר'ן, למען תהיה תורת ה' בפיך! אויב דער מענטש וועט זאָגן: "וואָס ווייסן מיר דען? מיר האָבן דאָך נישט קיין שום השגה אין תפילין" איז דאָס נישט ריכטיג. דאָס איז פונקט ווי איינער לערנט גמרא אָן צו פאַרשטיין, ער זאָגט און זאָגט די ווערטער און ער איז זיך מסביר: "איך האָב דען אַ השגה בכלל אין דעם איבערשטנס תורה?"... ווען ס'קומט צו אַ זאַך וואָס איז דיר נוגע, **טו אַ טובה און לערן עס גוט דורך**, חשבון גוט אויס די סוגיא, און מאַך נאָכדעם אַ סיכום. דו דאַרפסט דאך דאָס וויסן. וועגן דעם האָב איך דיר געגעבן די מצוה!

## זיך צוגעוואוינען צו אַ דירת עראי

די קדמונים זאָגן אַזוי: דער רבוש"ע האָט דיר געגעבן אַ מצוה פון סוכה: "גיי אַרויס פון דעם דירת קבע, און גיי אַריין אין אַ דירת עראי". געוואוין זיך איין צו זיצן אין אַ דירת עראי. **ס'איז בסדר, ס'איז גוט אַזוי...** אפילו אַלעס קלאַפּט נישט אַזוי פּונקטליך, אפילו אויב ס'איז דאָ אַזעלכע האַלבע דפנות. וואָס איז דען אַ חילוק? לויט די הלכה פון לבוד האָט עס אַ דין פון דופן? נו, איז עס דאָך גוט. איך האָב וואו צו זיין...

צומאָל האָט דער מענטש ווייטאָג, ווייל ס'לויפט אים דורך מחשבות: "מיינע חברים האָבן געקויפט אייגענע הייזער, און איך זיץ אין אַ געדינגענע דירה. **ס'איז דאָך נישט קיין נאָרמאַלע זאַך. איך דאַרף האָבן מיין אייגענע דירה.** אויסערדעם. מיין דירה פלעגט אַמאָל זיין גענוג גרויס, אָבער ב"ה כ'האָב שוין חתונה געמאַכט עטליכע קינדער, און יעדעס מאָל ווען די פאַרהייראַטע קינדער קומען אויף שבת דאַרף מען טוישן אַלע צימערן, די יונגלעך דאַרפן גיין דאָ און די מיידלעך דאָרט. דו ווייסט נישט וואָס טוט זיך... ס'איז נישט נאָרמאַל, ס'האָט נישט קיין פשט"...

דער אמת איז אָבער, אַז אַלעס איז זייער פיין. מ'קוקט נאראויף אַנדערע און מען באַקומט גשמיות'דיגע שאיפות. אויב דער רבוש"ע וויל, קען ער דיר אַלעס געבן, **אָבער דערווייל איז אַלעס זייער נאָרמאַל.** ס'איז טאַקע אַ דירת ארעי'דיגער מצב, אָבער אויף יעצט איז עס זייער גוט.

## אַראָפּלאָזן די ערוואַרטונגען

ווען איינער קויפט זיך אַ טיקעט אין דעם ביזנעס קלאַס אויפ'ן פליגער, און ער באַקומט דאָרט אַ בעט וואָס איז בערך אַ פערטל פון אַ געווענליכע בעט, מיט אַ דופן עקומה מיט לבוד... איז ער זייער צופרידן פון זיין באַקוועמע בעט. פאַרוואָס? **ווייל אין אַ דירת ארעי איז דאָס גוט!** ער ערוואַרטעט נישט עפּעס מער. מ'קען זיך מיט אַזאַ בעט אַן עצה געבן.

די מצוה פון סוכה לערנט אויס פאַר אַ איד אַז **מ'קען לעבן אין אַ דירת עראי,** תשבו כעין תדורו. אויב אַזוי קען ער זיין צופרידן פון זיין דירה. **איך דאַרף בסך הכל אַ פּלאַץ וואו צו פירן די שבת'דיגע סעודה, און דאָס האָב איך ב"ה.** שטעל זיך פאר אַז דו וואָלסט געדינגען די דירה אויף אַ שבת: "איינער האָט מיר פאַרשאַפט די דירה. אויף איין שבת איז דאָס מורא'דיג גוט, ס'איז דאָ פיינע שכינים, ס'איז געוואַלדיג, ממש אַ מחיה"...

אָט דער מהלך המחשבה **נעמט אַראָפּ די ערוואַרטונגען פונעם מענטש.** עס ראַטעוועט אים פון עצבות און פון זיין איינגעטונקן אין גשמיות. דער רבוש"ע קען שיקן ישוב הדעת פאַר'ן מענטש, אָבער **נאר ווען דער מענטש איז מקיים אין זיין מח דעם 'ויסעו מרעמסס',** ווי דער אגרא דכלה זאָגט, דעמאָלט איז ער זוכה צו דער ברכה פון 'ויחנו בסוכות', ער קען זיין רואיג און שפּירן אַז "איך האָב ב"ה אַלעס".

דאָס איז וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען פון מצוות סוכה. דער חג האסיף איז די צייט ווען דער מענטש זאַמלט איין אַלע זיינע רווחים, אויב ער נעמט אַריין די ידיעה אין זיין קאָפּ **וועט אים דער רבוש"ע העלפן אַז ער זאָל בלייבן מיט דעם דעת אויף אַ גאַנץ יאָר.** עס וועט אים באַגלייטן און העלפן, ס'וועט אים אַריינברענגען אַ שמחה אויפ'ן גאַנצן יאָר.

נקודה במחשבה

# תשבו כעין תדורו; מ'קען לעבן רואיג אין אַ דירת עראי...

ליל שישי ערב סוכות תשפ"ד

## סוכה שלעפּט אונז אַרויס פון גשמיות'דיגע הצלחות

עס שטייט אין די **קדמונים** אַז איינס פון די טעמים פון מצות סוכה איז, ווייל ס'איז יעצט אַ **זמן האסיף**, ווען מ'נעמט אַריין די תבואה פון פעלד. נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט אַזויפיל געאַרבעט און געהאָרעוועט אויפ'ן פעלד, זעט ער סוף כל סוף אַז ס'קומט אַריין די רווחים, ס'קומט אַריין די מזומנים, און **דער מענטש איז עלול צו ווערן איינגעטונקן אין גשמיות**, ווייל נישט נאר בכמות איז ער פאַרנומען מיט דער אַרבעט, נאר אויך באיכות, זיין מח איז איינגעטונקן דערין, און **ער קען באַקומען אַ געוואַלדיגע התפּעלות ווען ער פאַרדינט געלט** און ער זעט הצלחות מיט רווחים פון גשמיות.

דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז אין אַזאַ זמן זאָל דער מענטש נישט ווערן נאָכגעשלעפּט נאָך גשמיות, ס'איז דאך אַ שאָד אַז ער זאָל פאַרלירן זיין אידישקייט, ווייל זיין מח אַרבעט נישט ריכטיג און ער ווערט מגושם'דיג. האָט דער אויבערשטער געזאָגט: **דוקא אין דעם זמן, גיי אַרויס פון דיין הויז.** מאַך זיך אַ 'דירת ארעי', אַז דו זאָלסט וויניגער נתגשם ווערן.

## ס'איז גענוג אַ דירת ארעי!

דער הייליגער **בני יששכר** אין **אגרא דכלה** פרשת מסעי ברענגט אויפ'ן פסוק 'ויסעו מרעמסס ויחנו בסוכות', וואָס חז"ל זאָגן (סוטה יא, א) אַז דער נאָמען רעמסס מיינט אַז מ'פלעגט בויען און ס'איז גלייך אַראָפּגעפאַלן, 'ראשון ראשון היה מתרוסס' - אַלעס וואָס אידן האָבן געבויעט, האָט נישט געהאַט קיין קיום.

קומט אויס, אַז **רעמסס איז מרמז אויף די גשמיות'דיגע זאַכן וואָס האָבן נישט באמת קיין קיום.** דער מענטש אַרבעט, ער איז משקיע, ער רעדט זיך איין אַז ער בויעט עפּעס, אָבער למעשה בלייבט נישט דערפון קיין אמת'ער קיום.

דערפאַר האָט מען אונז געגעבן די מצוה פון סוכה וואָס דאַרף זיין אַ 'דירת ארעי', צו ווייזן פאַר'ן מענטש אַז **ס'איז אים גענוג צו האָבן אויך אַ דירת עראי!** בסך הכל האָט ער דאָרט אַ מטה כסא שלחן, ער האָט וואו צו זיצן, ער האָט וואו צו לערנען, ער האָט וואו זיך אָפּצוריען, אָבער ס'איז גאַנץ מצומצם, ממש מינימום, מיט אַ קליינע דעכעלע פאר דעם 'צל סוכה'. ער קען זיך נישט דאָרט אָנזאַמלען נאָך איבריגע באַקוועמליכקייטן.

זאָגט דער בני יששכר: **ויסעו מרעמסס** - זאָלסטו וויסן אַז וויפיל מער דער מענטש גייט אַרויס פון גשמיות'דיגע זאַכן, אַז ער זאָל נישט ליגן דערין. ויחנו בסוכות - אַלץ מער קען ער באַקומען אַ מורא'דיגע מנוחת הנפש. ער וועט האָבן אַ ישוב הדעת פאר תורה ותפלה, און ער וועט נישט מאַכן קיין השתדלות צו זאַמלען מותרות.

## דער פּראָבלעם ווען מ'באַקומט חיות פון גשמיות

צומאָל לייגט דער מענטש אַריין זיין גאַנצע ענערגיע צו מצליח זיין אין פרנסה, ער איז משקיע דאָרט זיין נפש און דאָס נעמט אים צו זיין גאַנצע חיות. **ער ווערט ממש צוגעבינדן צום עולם הזה.** ווען מ'פרעגט אים פאַרוואָס ער טוט דאָס, זאָגט ער: "וואָס הייסט? מ'דאַרף דאך האָבן פרנסה!"... און ער איז גערעכט, ער דארף טאַקע האָבן פאַרשידענע צרכים. אָבער אַז מ'קוקט אַביסל צוריק, וועט מען זען אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער האָט טאַקע געדאַרפט עוסק זיין אין פרנסה ווי ס'איז דער נאָרמאַלער סדר העולם, אָבער נאָכדעם האָט פאַסירט אַז **די קליפּת נוגה האָט זיך אַריינגעמישט.**

קליפּת נוגה קומט אַריין דוקא ווען אַ מענטש טוט אַ זאַך וואָס איז נישט אָפּגעפרעגט, ס'איז אויסגעהאַלטן, **אָבער ער ווערט צוגעבינדן דערצו, און דאָס איז שוין יאָ אַ פּראָבלעם.** מ'קען דאָך טון די זעלבע זאַך מיט אַ קאַלטקייט. מ'טוט וואָס מ'דאַרף, און מ'גייט ווייטער.

אַ מענטש קען זיך אַליין באַטראַכטן: **וואו איז מיין נפש? וואו איז מיין חיות?** דאָרט ליגט דער גרויסער בירור וואו מ'קען זען אויב מ'איז נישט פאַרגאַנגען. אויב די גשמיות האָט איבערגענומען זיין השתוקקות, זיין רצון, זיין גאַנצע ווען, און זיין שיג ושיח, דעמאָלט קענסטו זען וואו דער מענטש ליגט.

## וואָס איז מיין אינערליכע פּינטעלע?

די סיבה פאַרוואָס 'שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה לימוד' איז: ווייל ווען דער ת"ח לערנט, לערנט ער דאָך. דאָס איז נישט קיין חידוש. **לאָמיר הערן וואָס ער רעדט, ווען ער לערנט נישט...** דאָס איז מיר אינטערעסאַנט! **דעמאָלט קען מען זען וואָס פאַראַ סאָרט מענטש ער איז** און וועלכע זאַכן אינטערעסירן אים. ס'איז נישט נאר 'וואָס' ער רעדט, ס'איז אויך וועלכע זאַכן ברענגען אים התפּעלות.

ביי יעדן מענטש ווערט אויפגעוועקט אַ התפּעלות **ווען מ'רירט אָן זיין פּינטעלע.** צומאָל רעדט מען מיט אַ מענטש 'על דא ועל הא', און אינמיטן זעט מען אַז יענער איז געוואָרן מלא התלהבות, אָה, ער ווערט פּלוצלינג לעבעדיג. מ'כאַפּט נישט וואָס איז געשען דאָ... **דו האסט פשוט אָנגערירט אַ געוויסע נקודה וואָס האָט אים אויפגעלעבט.** מ'דאַרף אַביסל קענען דעם מענטש, זיין עבר און זיין כאַראַקטער, צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז יעצט נתפּעל געוואָרן. ווען דו וועסט אים קענען, וועסטו פאַרשטיין אַז דאָס איז זיין זאַך, זיין גאַנצע חיות איז געוואָנדן דערין.

המשך בעמוד הקודם ›››

פטרון חודש תשרי

לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש, מרביץ תורה לעדרים

הרה"ח ר' **יוסף צבי** ב"ר **מרדכי שמואל רדזמינסקי** זצ"ל

נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב

ת.נ.צ.ב.ה.

פטרון חג הסוכות

לעילוי נשמתו הטהורה

של הרה"ק **ר' שמואל זאב** ב"ר **נח** זצוק"ל

**אבדק"ק כונת הלב**

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב"ב להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

קול הבינני

ארה"ב 718. 686. 8300

א"י 072. 257. 7726

בריטניה 0333. 070. 6585

בלגיה 0480. 20. 16. 18

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini. com

**ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:**

**בארא פארק:** ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62; ביהמ"ד קראסנא לאקער #166; ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה; ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה; The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:** ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213; ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market; ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל; ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי:** ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר לאקער 40; ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25; ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219; ביהמ"ד ווילעדניק; ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי; ביהמ"ד סטאלין; ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט; ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

**קרית יואל:** ביהמ"ד אהל פיגא; ביהמ"ד בית אלעזר; ביהמ"ד בית מנחם זאב; ביהמ"ד ישמח משה; ביהמ"ד אבני צדק; ביהמ"ד רב טוב; ביהמ"ד בית דוב

**לאנדאן:** ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42; ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25; ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33; ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד; ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"